NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04254

MAYN KHOLEM

Hayim Gendelman

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין חלום

א וועג פאר דער יוגנט

— פון —

חיים גענדרעלמאן

טראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

מיין חלום

א וועג פאר דער יוגנט

— פון —

חיים גענדרעלמאן

...ראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

געווידמעט מיין פרוי און חברטע גיטל.

אדאנק די איבערגעגעבענע חברים
מרדכי מעלרוד און דוד פאסט
פאר זייער מיטווירקונג אין דער ארבעט
פון ארויסגעבן דיזע בראשור.

מיין חלום

אין באס

אך, דאס איז דאך חבר זייד! אן איבערראשונג, כ'לעבן! דו ביזט דער ערשטער חבר פון מ.— וואס איך באגעגן זינט איך בין צוריק געקומען קיין אמעריקא. טא זאג זשע מיר פון וואנען און וואוהין פארסטו, און וואס מאכט עפעס אונזער שטאדט מ—?

איר ווילט וויסן צופיל אויף איין מאל, חבר גינזבורג. פארן פאר איך איצט פון דעם פארבאנד פועלי ציון—יוגנט קעמפ פון ניו יארק. איך בין יעצט אויף וואקאציע.

פארסטו עס גלייך קיין מ.— וועלן מיר פארן צוזאמען.

ניין, ליידער נים. איך וועל זיך אפשטעלן אין דעם פועלי ציון יוגנט קעמפ פון מיטל-מעריבדיקן ראיאן, טאקע דא נים ווייט ביים לייק מישיגאן אין אינדיאנא סטייט.

וואס זשע איז דיר אומעדיק געווען איינצוזיצן אין איין קעמפ, וואס דו פארסט ארום?

ניין, נים דאס איז די אורזאכע. אין אונזערע קעמפס איז שוין גאר נים אומעדיק, נאר ס'איז היינטיקס יאר פארגעקומען א לאנד'ס צוזאמענקונפט פון אלע אנפירער, בין איך דארט געווען א וואך צייט, און יעצט פאר איך צוריק אין מיין קעמפ אדער קבוצה, ווי מיר רופן דאס.

הייסט עס, אז דו ביסט טאקע געבליבן א פועלי ציון יוגנט אנפירער. און פאר מיין צייט האסטו נים געוואלט אננעמען צו פירן קיין קלוב. וויפיל איך האב דיך נים געפרואווט פאראינטערעסירן ביסטו געבליבן קאלט. דו ווייסט, איך בין געווען דאן זייער סקעפטיש אויב דיין דערציאונג אין שול און אין קלוב וועלן ברייגגען וועלכע רעזולטאטן. אבער, ווי עס ווייזט אויס, ווייסט מען קיינמאל נים ווען די רעזולטאטן קענען זיך ארויס ווייזן.

ווען איר זאלט געווען דאמאלסט נאכזוכן די סיבות פון מיין צוריקהאלטן זיך פון אקטיווער ארבעט אין דער יוגנט באוועגונג, וואלט איר אויך דאן איינגעזען אז די שולד איז נים מיינע.

וואס מיינסטו?

איך מיין, לוים ווי די ארבעט איז דאן געפירט געווארן, איז נים געווען קיין ממשות'דיקעס פאר די מיטגלידער צו טאן, אחוץ רעדן.

נו, און ווי איז איצט?

איצט איז גאנץ אנדערש.

איך קוק אין זיינע אויגן און וויל ארויסלייענען צי מיינט ער ערנסט. צי ס'איז גלאט געדערט. ער פארשטייט מיין בליק און באטאנט די ווערטער —'עס איז פארגעקומען א גאנצע ענדערונג אין אונזער ארבעט'..

אזוי, זאג איך, פארוואס זשע האט מען עפעס נים געהערט?

ווייל, זאגט ער, אונזער ארבעט טוען מיר היינט שטיל און גרונדליך, און שום רעקלאמע ווי אמאל.

אין וואס זשע באשטייט די ענדערונג? הכלל, דערציייל שוין.

איך וועל אייך דערציילן, זאגט ער, אבער בתנאי איר זאלט זיך אפ־שטעלן פאר עטלאכע טעג אין אונזער קאמונע. אונזער ארבעט מוזט איר זען, כדי איר זאלט זי פארשטיין.

אבער איך האב א בילעט קיין מ—, זאג איך.

דאס איז נארנישט, זאגט חבר זיידן, אייער בילעט איז גוט נאך עטלי־כע טעג. און, אגב, וועט אייך ניט באנק טאן, ווייל איר וועט זען אזעלכעס, פון וואס איר וועט אסך נחת האבן.

מילא, איך נעם אן דיין איינלאדונג, זאג איך, אבער דו מוזט מיך פריער צוגרייטן, כדי איך זאל פארשטיין וואס איך וועל דארט זעהן. דערפאר דער־צייל מיר אין וואס באשטייט אייער איצטיקע ארבעט?

יא, זאגט ער, איך וועל אייך דערציילן, און איר וועט גלייך פארשטיין, אז קיין גרויסע חכמות ליגן אין דעם ניט. ניט מער, מיר היינט פארשטייען שוין אין וואס די אמעריקאנער אידישע יוגנט נויטיגט זיך, און מיר האבן זיך דערטראכט צו די בעסטע מעטאדן ווי צו דערגרייכן אונזער ציל.

דהיינו? פרעג איך.

דהיינו, זאגט ער. פריער האבן מיר געלייגט צופיל געוויכט אויפן ווארט, אויף דער אגיטאציע, און היינט איז דער עיקר די טאט. פריער האבן מיר אגיטירט די יוגנט צו זיין סאציאליסטיש, אבער אין דער אמתן האט זי גע־לעבט פאראזיטיש אויפן חשבון פון די עלטערן, און אז די יוגנט האט שפע־טער אנגעהויבן לעבן פאר זיך האט זי במילא פארגעזעצט איר פאראזיטיש לעבן, ניט קוקענדיק אויף דעם וואס זי האט געפרידיקט סאציאליזם. היינט אבער געוויינען מיר איין די מיטגלידער פון אונזערע קאמונעס פון דער פריער יוגנט אן צו לעבן א קאאפעראטיוו לעבן דורך איינענער ארבעט, און אז זיי וואקסן אויס זענען זיי פאר זייער קאמונאלן שטייגער לעבן. ווייל דאס וואס מען פלאנצט איין אין דער יוגנט ווערט ניט אפגעווישט אזוי לייכט אין שפעטערדיקן לעבן.

איך גיב א קוק אויף דעם בחור און זע—ער רעדט זייער ערנסט. ער זאגט:

מיר שטייען איצט פאר א תקופה פון איבערבוי פון דעם ווירט־שאפטליכן לעבן. און עס פרעגט זיך—ווי אזוי וועט מען עס דורכפירן? דורך צוואנג, אזוי ווי אין סאוועטן־פארבאנד, אדער דורך פרייוויליקער פאר־שטענדעניש און קאאפעראציע אזוי ווי אין די קבוצות אין ארץ ישראל? זאגן מיר—עס ווענדט זיך אין דעם וואס פאר א דור מיר וועלן דערציען.—וועט דער קומענדיגער דור זיין א עגאאיסטיש־פאראזיטישער, וועט מען מוזן באנוצן צוואנג; וועט ער זיין א סאציאל־געזעלשאפטליך דערצויגענער, מיט א ליבע און פארשטענדעניש פאר פרייוויליקן צוזאמענלעבן—וועט ער פריי־וויליק איבערבויען די געזעלשאפט אויף קאאפעראטיווע יסודות. עס געווענדט זיך אלין אן די געוויינהייטן פון דער פריער יוגנט. דערפאר לייגן מיר איצט אזוי פיל געוויכט אויף דער דערציאונג פון דער יוגנט.

דענקסטו ניט, אז די דערציאונג וועט גאר ניט העלפן, דערפאר וואס דער קאאפעראטיווער, יושר'דיקער אופן פון לעבן קען ניט קאנקורירן מיטן קא־פיטאליסטישן סיסטעם פון לעבן?

דאס איז אמת, עס איז אבער אויך אמת, אז דער קאפיטאליסטישער

אופן איז אויך א פועל־יוצא פון דער פארדארבונג פון דער מענטשלאכער נאטור.

מיינט עס, אז מען דארף פריער ענדערן די מענשלאכע נאטור, איידער מיר וועלן קענען האבן א נארמאל, געזעלשאפטלאך לעבן?

מען דארף זי ניט ענדערן, מען דארף נאר אויפפאסן אז זי זאל ניט פארקריפלט ווערן.

איך פארשטיי ניט.

פארוואס ניט? ס'איז גאנץ פשוט. אלע וויסן שוין היינט, אז דעם קינד'ס כאראקטער הויבט זיך אן פארמירן נאך ליגנדיק אין וויגעלע.

ווי אזוי?

גאנץ פשוט. דער געדאנק ארבעט ביים קינד, כאטש דער קערפער איז נאך שוואך, און ער זעט עס און פילט עס יעדע מינוט. עסט זיך איין אין זיין פסיכיק דער געפיל פון שוואכקייט אדער מינדערווירטיגקייט. און דערפון נעמט זיך בא'ם מענטשן דער דורשט נאך מאכט. עס איז נאך צו דערליידן ווען דער ווייטערדיקער וואקסן פונ'ם קינד איז נארמאל, ווען אבער ער באַ־געגנט שטערונגען ווי פיזישע פעלערן, א קריגערישע און ניט פריינדלאכע אטמאספערע אין הויז, אדער איבערטריבענע צערטלאכקייט און אונטער־דריקונג פון זעלבסטשטענדיקע באוועגונגען און האנדלונגען—פארשטארקט זיך ביים קינד דער מינדערווירטיגקייט געפיל, און דער עגאאיזם שטייגט מיט אלע אנדערע אנטי סאציאלע נייגונגען. און אזעלכער, ווען ער וואקסט אויס, זוכט מאכט און וויל אונטערדריקן אנדערע מענטשן, כדי צו ווייזן אז ער איז מעכטיק. דאס רופן מיר פארדארבונג פון מענשלאכן כאראקטער. ביי אונז אין דער קאמונע ווערן אזעלכע יוגנטלאכע אויסגעקורירט דורך חבר'שער פריינדלאכער קאאפעראציע און סביבה. איר פארשטייט? איך וואלט אייך געקענט איבערעכענען א סך גוטע זאכן וואס מיר ווילן און קענען דערגרייכן אין אונזער קאמונע, אבער דאס צו פארשטיין מוזט איר זיך באקענען מיט דער לערע פון מענשלאכן כאראקטער. דאס מוזן מיר—סאציאליסטן וויסן ווען מיר נעמען זיך איבערבויען די מענשלאכע געזעלשאפט, ווייל ניט נאר אין עקאנאמישער און פאליטישער ענדערונג אליין ליגט די ישועה פאר א שענערער און בעסערער וועלט.—נאר גענוג, איך האב זיך שוין אביסל צופיל פאררעדט. מיר דערנעהנטערן זיך צו אונזער קעמפ און מיר וועלן באלד דארפן ארונטערגיין. איר האט עפעס זאכן? גיט זיי אהער—איך וועל זיי פאר אייך איבערלאזן אויף דער סטאנציע, און אונזער טראק וועט זיי נאכהער ברענגען. עס איז אין גאנצן א מייל גאנג צום קעמפ. פילט איר ווי צו גיין?

אודאי וועל איך גיין! נאך אזוי פיל צייט זיצן אין באס איז א פארגעניגן זיך דורכצוגיין.

דער באס שטעלט זיך אפ אין א קליין שטעטל. מיר גייען ארויס.

שטיל איז נאך געשלאפן דאס שטעטל, וואו מיר האבן זיך אפגעשטעלט, מיט דעם געשמאקן שלאף פון פארטאג. דער אנקומענדער טאג האט שוין גענומען פאנאנדעריאגן דעם נאכט נעבל. סילועטן פון הייזער, בוימער, בערג באדעקטע מיט וועלדער האבן גענומען ארויסשווימען פון דאזיגן נעבל. ביי דער זייט אויף לינקס האט זיך געשפרייט דער לייק מישיגאן. א שטיל ווינטע־לע האט געבלאזן פון זיין בלויע ווייטקייט און געטריבן פארשלאפענע כוואַ־ליעס צו די זאמדיקע ברעגן.—רעכטס—פארזייטע פעלדער און לאנקעס

האבן געדרימעלט אין דער ווייטקייט. נאר אט הויבן אן גאט׳ס באשעפעניש צו בישלאך אויפוואכן. א פריילאכער צווישער פון א פויגל דערהערט זיך פון צווישן די ביימער, א האן צוקרייעט זיך וואו, און ווייט ערגעץ ענטפערט אפ א בילן פון א הונט און א מעקען פון א קו. און ווידער שטיל, ווידער רוהיג.

פארוואס איז דאס, טראכט איך, וואס איך—א קינד פון א פאלק וואס איז שוין דורות לאנג דערווייטערט פון דעם שויס פון דער נאטור, האב אזוי הנאה און פארגעם מים אזא פארגעניגן אט די אלע קלאנגען פון דער נאטור? פארוואס בארוהיג; זיי אזוי מיין נשמה? צו איז דאס ניט דער אפקלאנג פון די גאר אור־אלטע צייטן ווען מענטש און נאטור האבן זיך אזוי נאנצליך פארשטאנען?

אך! ווי זים איז דא די לופט! וועקט מיך אויף חבר זיידן פון מיינע געדאנקען.—קומט, לאמיר גיין צום קעמפ. ביז מיר וועלן דערגיין וועט די זון שוין אויפגיין, און דער קעמפ וועט זיין וואך.

מיר גיבן זיך א קער מים א וועג צו רעכטס און לאזן זיך גיין.

אין קעמפ

און אט איז שוין אונזער קעמפ, זאגט חבר זיידן.

איך כאפ זיך אויף ווי פון א חלום און טו א קוק אויפן קעמפ. איך וויל אים ארומנעמען מיט מיין בליק, אבער איך קען ניט—צו גרוים. און עפעס מאכט עס גאר ניט קיין איינדרוק פון אן אמעריקאנער קעמפ, ווי איך בין געוויינט צו זעהען. גיכער מאכט עס דעם איינדרוק ווי סעטלערס, וואס זיינען ארונטערגעקומען אין א ניט ענטוויקלטן געגנט צו גרינדן א נייעם ישוב. ביידלאך, האלב פון האלץ, האלב פון לייוונט שטייען אויסגעשטעלט אין א האלבער לבנה—14 פון רעכטס, 9 פון לינקס, יעדע מיט דעם אריינגאנג געווענדעט צו דער אפענער לאנדשאפט. אין מיטן א גרויסע הילצערנע געביידע און איין קלענערע פון צעמענט, און גאר אויך דער ענדע—א באנגאלאו. עס זעט אוים ווי אלץ איז געבויט צייטווייליג און אויך אמאטאריש—ניט פון קיין געניטע בויער. ס׳הייסט, ס׳איז ניט געבויט, חלילה, ווי א היימישע סוכה, אבער אויך ניט פאכמאניש.

אט איז חבר פארמאן, זאגט זיידן, און דאס איז חבר גינזבורג פון מ.—אן אלטער טוער פון שולן און יוגנט־ארבעט.

איך קען חבר גינזבורג, זאגט פארמאן. געדענקט איר ווען מיר האבן זיך געטראפן אמאל אין ערשטן ניו יארקער קעמפ?

צו איך געדענק, זאג איך, די קעלט ליגט מיר נאך היינט אין די ביינער! דערפאר איז דא, אין דער מיטל־וועסט ווארימער ווי אין די קעטסקיל בערג, זאגט ער.

יע, איר מענט זיך איבערנעמען מיט אייערע בערג. זיי זיינען טאקע מלא חן אבער זיי ווארפן אן א קעלט. אפשר בלויז אויף מיר—וויל א פרעמדער?

די בערג זיינען שוין נים מיינע, זאגט ח. פארמאן. איך בין שוין מער נים קיין ניו יארקער. שוין צוויי יאר אז איך בין דא אין קעמפ און בין שוין א הינער תושב.

טאקע? קומט דאך די חברה קרעדיט, וואס זיי האבן אזוי לאנג אוים־

געהאלטן פון אייך. און אפשר קומט גאר דער קרעדיט אייך—עס איז ניט קיין קליינינקייט אויסצוהאלטן פון 240 ווילדע אינדיאנער.....

עס קומט קיינעם ניט קיין קרעדיט, זאגט חבר פארמאן. ביי אונז איז אזוי איינגעארדנט, דאס מיר פאלן ניט צו לאסט איינע די אנדערע, ניט אזוי ווי אמאל א פירער פון א קעמפ, וואס האט בלויז געגעבן באפעלן צו די קינדער, און זיי האבן מערסטנס געזוכט ווי ארויסצודרייען זיך פון זייערע פליכטן. ממילא, איז מען זיך איינס דאס אנדערע נמאס געווארן. יא, פאר־כאפט זיך חבר פארמאן—אבער דערציילט אונז, חבר גינזבורג, פון וואנען פארט איר און ווי אזוי קומט איר אהער? איר זייט דאך א צייט ניט געווען אין לאנד.

דאס לאמיר לאזן אויף שפעטער, זאגט מיר בעסער וואס באדייט אט דאס א? מאך איך, אנצייגנדיק מיטן האנט אויפן גאנצן קעמפ.

דאס אלעס וואס איר זעט איז ניט קיין צופעליקעס. עס איז אלעס דורכ־געטראכט לויט א געוויסן פלאן און א געוויסן ציל. אבער קומט—מיר וועלן נאך האבן צייט צו שמועסן. עס איז שוין 7:30, חברה שטייען שוין אויף, און איך דארף זיי זאגן א גוט מארגן.

און חבר פארמאן, באגלייט פון אונז, האט זיך געלאזט גיין פון איין ביידל צום צווייטן — און מיט א רואיקן פרייליכן טאן יעדן אפגעגעבן א "גוט מארגן"—אמאל א שפאס געטאן אויפן חשבון פון א יונגען חבר, אמאל געמאכט א באמערקונג, אבער אלץ שטיל און גוטמוטיק. איך גיי נאך און וואונדער זיך.

וואס זשע, פרעג איך אים, איר האט גאר ניט קיין גלאק אויפצוועקן די קינדער?

נאך וואס א גלאק? זאגט ער. די קלינגענדע רוטינע האבן מיר שוין לאנג אפגעשאפט. מיר האבן אכטונג פאר דעם קינד'ס נערוון. עס נעמט מיר אין גאנצן עטלאכע מינוט אויפצוועקן די אינגלעך און מיין פרוי—די מייד־לאך. אגב איז עס ביי אונז א פארגעניגן.....

אבער ווי אזוי רופט איר די קינדער צום עסן, פרעג איך, אן א גלאק?

זיי ווייסן שוין ווען זיי דארפן עסן, זאגט חבר פארמאן. אגב, האט יעדע קבוצה אירע אייגענע באזארגער, וואס פאסן שוין אויף אלעס אויף. און איך האב דא ווייניק וואס צו טאן.

וואס מיינט איר? פרעג איך.

גאנץ פשוט, ענטפערט ער, ביי אונז אין קעמפ זיינען דא קבוצות—באזונדערע פון פארשיידענע שטעט. איז יעדע קבוצה האט פולע אויטאנאמיע און זארגט זיך פאר אירע מיטגלידער.

איך דענק, אז איך הויב שוין אן צו פארשטיין אייער דרך, זאג איך, איר ווילט איינשטעלן א גלייכגעוויכט צווישן דעם אינדיווידועלן און געזעל־שאפטלאכן לעבן.

געטראפן, מאכט ער,—מיר ווילן ניט ארויפווארפן צופיל לאסט פון געזעלשאפטלאכער פאראנטווארטליכקייט, כדי עס זאל זיך ניט צועסן. מען דארף אויך אכטן דאס אינדיווידועלע אינ'ם מענטשן—מען טאר ניט דער־שטיקן. עס קען אויסגענוצט ווערן פארן וואוילזיין פון ביידע—סיי פונ'ם יחיד, סיי פון דער געזעלשאפט.—קומט איצט אין עס זאל, וועט איר פאר־זוכן פון די מאכלים, וואס די קינדער קאכן אליין.

מיר גייען אריין אין עס־זאל. אלץ איז ריין און אנגענעם.

די טישן מיט די ביינק זיינען אויך אליין געמאכט, שמייכלט חבר פארמאן, און די גאנצע געביידע און אלע אנדערע געביידעס דא זיינען די ארבעט פון דער יוגנט אליין.

יע, זאג איך, מען זעט אז ס'איז ניט קיין פאכמאנישע ארבעט. איך באטראכט אלץ און זע א מוסטערהאפטע ריינקייט. די טישטאכער בלאנקען. קיין סימן פון קיין פליג איז ניטא.

איר זעט, זאגט חבר פארמאן, יעדע קבוצה זארגט פאר זיך, שיקט אירע אייגענע ארבעטער אין קיך. די קינדער אליין טוען די ארבעט. בלויז איין דערוואקסענער פאכמאן אין קאכן פאסט אויף.

אין אפאר מינוט ארום ווערן אלע ביינק ארום די טישן באזעצט. חבר און חברה פארמאן מיט זייער שיין אינגעלע עסן יעדן טאגביים טיש פון אן אנדער קבוצה. קיין רעש, קיין טומל הערט זיך ניט ביים עסן. אלע פנימער זיינען אויפגעמונטערט. דא און דארט הערט זיך ווען א לאך, מערסטענס פירט זיך א געמיטלאכער שמועס. נאכן עסן איילן זיך אלע. ווער אויסצולופטערן דאס בעטציינג, ווער עפעס טאן פאר זיך, ווייל 9 אזייגער דארפן זיך אלע טרעפן ביי דער ארבעט.

חבר פארמאן האט מיך נאכן עסן פארנומען אין גארטן און געוויזן פון וואנען דאס גרינס צו די מאלצייטן קומט. ער האט מיר דערציילט, אז זיי האבן 15 אקער גארטן לאנד, און איך האב טאקע באלד געזען ארום 150 יוגנטלאכע ביי דער ארבעט. די ארבעט גייט אן געמיטליך מיט שפאס און פון צייט צו צייט מיט געזאנג. יעדע קבוצה ארבעט אויף א באזונדער שטיקל פעלד. איך זע פאר זיך זייער שיינע אויסגעוואקסענע גרינסן, שיינע בלומען און אויך א צאל הייהלאך, ווי קראליקלאך, הינטעלאך און אויך א קליין ציגעלע בלאנקעט זיך ארום. פרעג איך חבר פארמאן אויב נח'ס תבה האט זיך דא אפגעשטעלט? שמייכעלט ער און זאגט—יא, דאס גייט אויך אריין אין אינזער פלאן. דאס שטאדטישע קינד בײנקט נאך די נאטור באשעפענישן, און מיר פארשאפן זיי דעם פארגעניגן; יעדע קבוצה האט זיך אזעלכע ליבלינג־הייהלאך. מענטש און בהמה לעבט בא אונז פרידלאך צוזאמען.

און וואס זיינען דאס פאר קי בא אייך, דארט א? און די פיאנא באקסעם ביים ברעג פעלד?

די קי, זאגט ער, און די הינדעלאך אין די פיאנא־באקסעם באלאנגען צום קבוץ.

אבער יוגנטלאכע, וואס אייניגע פון זיי גרייטן זיך צו פארן קיין ארץ ישראל און אייניגע—ארייצוטרעטן אין היגן לאנדווירטשאפטלאכן קאאפעראטיוו. די מעהרסטע פון זיי וואהנען דא א גאנץ יאר אויפן פארם. זיי גרייטן צו פאר אונז די ערד. מיר קויפן בא זיי די מילך און אנדערע פראדוקטן —מאנכע פון אונזערע קינדער גרייטן זיך אויך אין אט דעם קבוץ, און עסן און שלאפן ביי אונז. דערפאר באקומען מיר א טייל פראדוקטן אומזיסט.

און וואס טוען אט יענע חברה ביים ביידל?

דאס איז א טייל פון דער בענט לאיסער קצובה. זייער מיטגלידערשאפט האט זיך לעצטענס פארגרעסערט—בויען זיי צו נאך א ביידל.

איך זע דא גרעסערע און קלענערע קינדער. ארבעטן אלע די זעלבע צייט?

ניין, די קלענערע קינדער ארבעטן ווייניקער און טראגן צו מער געלט,

און די נרעסערע ארבעטן מער און צאלן ווייניקער, און די וואס קענען א פאך צאלן גארניט, אזוי ווי די אינסטרוקטארן.

וואסערע אינסטרוקטארן?

אט, זעט איר דארט א שווארצען בחור צווישן די קינדער, און דארט זעט איר די מיידל, די פארברוינטע? דאס זיינען אונזערע אגריקולטור אינסטרוקטארן. זיי קומען ביידע פון שיקאגאר אוניווערסיטעט. זיי קריגן ביי אונז קיין געלט נישט. נאר אלעס וואס זיי דארפן. מיר האבן דא פינף אינסטרוקטארן.—צוויי פאר אטלעטישע איבונגען, איין סאציאלאג־פסיכיאטאר און צוויי אגריקולטורעלע אינסטרוקטארן.

אין וואס זשע, אייגענטליך, באשטייט זייער ארבעט?

נו, די אגריקולטורעלע אינסטרוקטארן, אויסער וואס זיי ווייזן די קינדער די גארטן ארבעט, גייען זיי ארום מיט זיי אין דער סביבה שטודירן פארשיידענע פלאנצן. מען קלייבט דערהוייל ווילדע יאגעדעס און מען קאכט אפ א פיינעם צימעס.—די אטלעטן לערנען זיי שווימען, אלערליי אטלעטישע איבונגען און העלפן מאנכע קינדער בייקומען פיזישע קרומקייטן. דערצו פאסן זיי אויף אויפן געזונט און נארמאלער ענטוויקלונג פון די קינדער. כאטש איך א דאקטאר קומט דריי מאהל א וואך צו די קינדער, אבער מען נוצט אים זעלטן. זעט איר, די וויכטיגסטע ארבעט האט דער סאציאלאג־פסיכיאטאר.—אגב, היינט אין אונט וועט ער האלטן א לעקציע, וועט איר הערן.

אבער זאגט מיר נאר, חבר פארמאן, פארוואס דענקט איר אז ער האט די וויכטיגסטע ארבעט?

ווייל ער לערנט די קינדער ווי אזוי צו לעבן.

וואס מיינט איר?

כ'מיין, ווי אזוי צו לעבן אין הארמאניע מיט זיך אליין, ווייל א סך מענטשן אין אונזער דור ראנגלען זיך מיט זיך אליין און קענען קיין רוה ניט געפינען—און אט דער קרומער גאנג פון א מענטשן פאנגט זיך אן נאך אין די סאמע יונגסטע יארן און דאמאלסט קען מען עס לייכט אויסגלייכן. פונקט ווי א ביימעלע, ווען עס הויבט אן וואקסן אין דער קרום, קען מען אויסגלייכן ווען עס איז נאך יונג, אבער שפעטער ווערט צו שווער.

ציינט מיר כאטש איין ביישפיל.

אט, למשל, נעמט די זייער פארשפרייטע נשמה־קראנקהייט וואס קומט פון פארדרוס. וואקסט א קינד ביי עלטערן, וואו דער טאטע אדער די מאמע טראגן אין זיך א פארדרוס נאך פון זייער קינדהייט אן—צי צוליב א פיזישן פעלער, צי צוליב אן אנדער אורזאכע (און אורזאכן זיינען שוין פאראן גענוג אויף מאכן א מענטשן אומצופרידן). נו, קען זיך דער טאטע אדער די מאמע ניט בארוהיקן, און האלטן אין איין שטורעמען, קריגן זיך און געוואלדעווען, און צערייצן די נעמיטער פון דער גאנצער משפחה. וואקסט א קינד און זעט ווי איינער פון די עלטערן טשעפעט זיך, שרייט, קריגט זיך פאר יעדער קלייניגקייט (די קלייניגקייטן זיינען טאקע זייטיקע זאכן—די אמתע אומצופרידענהייט ליגט דאך ערגעץ טיפער). ווערט דאס קינד אנגעפילט מיט פארדרוס, ראנגלט זיך מיט דעם געפיל, און אזוי ווערט ער אויך א מענטש מיט א קאנפליקט אין זיין הארצן. אזא קינד ווערט אדער עגאאיסטיש און קריגעריש, וואס עס איז אנטי־סאציאל, אדער פארקערט, צוריקגעהאלטן, שווייגעדיג, וואס איז אויך אנטי־סאציאל. אט דיזן ראאינירנדען נשמה־פרא־

צעם קען מען אבער אפשטעלן דורך סיסטעמאטישע אויפקלערונגען נאך אין דער פריער יוגנט. און דאס איז די אויפגאבע פון'ם סאציאלאג־פסיכיאטאר בא אונז אין קעמפ. אדער, למשל, אן ענלאכער פאל איז ווען עס וואקסן צוויי קינדער אין איין הויז. איינס איז פעהיגער פון'ם צווייטן, קריגט במילא מער אויפמערקזאמקייט און אנזען ביי די ארומיקע. שאפט זיך א קנאה־שנה ביי'ן צוריקגעשטאנענעם קינד, און ער בלייבט מיט א וואונד אין הארצן אויפן גאנצן לעבן. זייטיקע מענטשן ווייסן ניט די אמתע אורזאכע פון דער פארקריפלונג פון אזא קינד, און האבן נאך טענות צו אזא איינעם פארוואס ער איז אנטיסאציאל. צו אונז אהער קומען אויך קינדער מיט אזעלכע קאנפליקטן, און פאר'ן אוועק באראויקטע, הויבן אן צו פארשטיין זיך און זייערע ארומיקע—און די באדינגונגען אין דער היים ווערן גאר אנדערע. קיינער, אחוץ די וואס ליידן פון אזעלכע קראנקהייטן, קענען אפשאצן די ווערט פון אט דער ארבעט.

ער לערנט זיי אויך צו פארשטיין די נאטור פון מענטשן און ווי מען דארף רעגולירן די באציאונגען פון מענטשן, ווי אנצופירן קלובן, קעמפס און קאאפעראטיוון. מיר גרייטן זיי צו צו פארנעמען זייער ארט אין קאאפעראטיווער געזעלשאפט.

און וואס הערט זיך מכח אידיש און העברעאיש און אנדערע אידישע למודים?

דאס לערנען מיר ניט דירעקט, נאר דורך פארשיידענע אונטערנעמונגען, ווי דראמאטישע שפילן, געזאנג און אנדערע ארבעט וואס מיר גרייטן צו פאר אידישע שולעס און תלמוד תורות. צום ביישפיל, אט האט דער קעמפ געמאכט א רעליעף־מאפע פון ארץ ישראל, וואו עס ווערט געוויזן וואו די אידישע קאלאניעס געפינען זיך, די שטעדט, די בערג, די טאלן און די טייכן, וואו און וואס פאר פרוכט עס וואקסן—און וואו דאס לאנד איז גוט פאר פיה־צוכט. אלץ באצייכנט מיט פאפירענע מאראנצן־בוימעלאך אדער שעפסעלאך. צו מאכען אזא מאפע האבן די קינדער געמוזט פריער שטודירן, לייענען ביכער און גרינדלאך באקענען זיך מיט דער ארץ ישראל געאגראפיע און לעבן און אויך העברעאיש און אידישע געשיכטע. און דאס איז דער ווירקזאמסטער מיטל צו לערנען אין א קעמפ. מען רופט דאס די פראיעקט מעטאדע. מיר האבן דא איניקע פירער פון די קבוצות וואס קענען די ארבעט אויסגעצייכנט און זיי פירן אן מיט דער ארבעט.

און וואס הערט זיך מיט פינאנצן? ווי גרויס, למשל, איז אייער מארטגעדזש אויפן קעמפ?

מיר האבן קיין מארטגעדזש ניט ווייל מיר זיינען ניט די בעלי בתים פונ'ם קעמפ. עס באלאנגט איינגאנצן צו די קבוצות. איך מיין, די געביידעס, געצעלטן און אלע מכשירים. ווארום די ערד געהערט נים צו אונז, די שטעטל לאזט אונז זיך באנוצן מיט לאנד אומזיסט, ווייל, ערשטנס, קולטיווירן מיר עס, און צווייטנס, ברענגען מיר אריין פרנסה אין שטעטל—די קויפקראפט פון דעם קעמפ און זיינע געסט. זיינען די קבוצות די אייגנטהימער פון אלעס און זייערע אנפירער די אמתע בעלי בתים. און אויף זיי ליגט די גאנצע פאראנטווארטליכקייט.

אויב די אנפירער זיינען אזוי וויכטיק, טא ווי אזוי און ווער קלייבט זיי אויס?

אם ווען איך אייך דערקלערן. נעמט, למשל, אייער שטאדט מ.— האט א קבוצה. זי באשטייט פון פיער קלובן. יעדער קלוב ניט ווייניגער פון צען מיטגלידער. יעדער קלוב האט אן אנפירער און אן ארויסהעלפער—צוזאמען אכט. דיזע אכט מיט א סעקרעטאר און א ראטגעבער, וואס איז מערסטנס א דערוואקסענער חבר, שטעלן צונויף דעם ראט פון דער קבוצה. בלויז פינף פון זיי האבן שטים־רעכט, די געהילפן, בלויז בעראטונגס רעכט. זיי פירן אן מיט דער קבוצה און אויך מיט די איינצעלנע קלובן אין די ארומיקע שטעט־לאך וואו קיין גאנצע קבוצה איז נאך ניטא. זיי פירן דורך אויף די געלט קאמפיינס, ווען א קוואטע ווערט ארויפגעלייגט אויף זייער שטאט פאר די נויטן פון דעם קעמפ. זיי פירן אן די פראפאגאנדע, גרינדן נייע צעלן און גיבן אכטונג אויף די געלט. יעדן זומער מוז אמווייניגסטנס איין פירער זיין אין קעמפ אנצופירן מיט דער קבוצה. אט די גאנצע בעלי בתישקייט—די ביידלאך, דאס בעטגעוואנט, די לייוונט, דאס געשיר באלאנגט צו יעדער קבוצה באזונדער. זיי ברייגגען עס מיט אהער און מיר האבן קיין דאגות ניט פון אויסשטאטן דעם קעמפ. די גאנצע הוצאה פונם קעמפ איז פונאנדער געטיילט צווישן די באזונדערע קבוצות. יעדע וואך רעכנט מען אוים וויפיל עס קאסט אויפצוהאלטן א מיטגליד, און דער חשבון ווערט צוגעשטעלט צום פירער פון יעדער קבוצה באזונדער. ער באשטימט וויפיל יעדער מיטגליד פון זיין קבוצה קען צאל[illegible] וייל ער ווייסט דאך די אומשטענדן פון יעדן. ער באראט זיך אויך [illegible] יניגע פון זיי. עס זיינען דא אבער אין יעדער קבוצה אויך געסט אין קעמפ וואס זיינען ניט קיין מיטגלידער. זיי געפינען זיך אין גאנצן אין רשות פון דער קבוצה און צאלן די פולע סומע, און דער ריוח ווערט צוגעשטעלט אויפן חשבון פון דער קבוצה.

זיינען פאראן א סך קינדער אין דער מ.—קבוצה, למשל, וואס זיינען ניט קיין מיטגלידער?

היינטיקעס יאר זיינען פאראן 17 קינדער, פון וועלכע א טייל זיינען אייך געשיקט פון דער שטאדטישער צדקה־פעדעראציע, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס די מ.—צדקה־פעדעראציע האט אן אייגענעם קעמפ.

ווי קומט עס?

נאר פשוט. די יונגע סאשל־ווארקערס הויבן שוין אן צו פארשטיין אז א צדקה־קעמפ איז ניט דאס בעסטע ארט צו דערהויבן די ווירדע ביים קינד און אויסבילדן זיין כאראקטער. יא, מיר האבן זיך שוין דערווארבן א שטיקל נאמען אויף דעם געביט.

א! רייס איך אים איבער, אייערע חברה קלייבן זיך שוין עסן.

יע, ס'איז שוין האלב נאך עלף. זיי ארבעטן בלויז צוויי און אהאלב שטונדע אין דער פרי און צוויי שטונדן נאכמיטאג, און די איבעריקע צייט טוען זיי וואס זיי ווילן.

וואס הייסט? איז בא אייך ניט איינגעשטעלט א רוטינע וואס צו טאן ליט א פראגראם, ווי אין אנדערע קעמפס?

ניין, נאך דער ארבעט זיינען זיי אין גאנצן פריי. יעדער איינער קלייבט זיך אוים וואס צו טאן ווי ער וויל.

חבר פארמאן האט זיך ענטשולדיגט פאר מיר און איז אוועק צו טאן זיין ארבעט. איך בין געבליבן אליין און וואנדערענדיג אזוי איבערן קעמפ און צוקוקענדיק זיך צו דער אנגענעמער פיבערהאפטער נייער ארבעט וואס דא

נייט אן, האבן זיך געוועקט נעדאנקן בא מיר, פארגלייכונגען מיט אמאליקע קעמפ ארבעט און דערציאונג אין יענע צייטן. עס האט זיך געוואלט גלויבן, אז די נייע מעשים וועלן ברייננען צו נייע בעסערע רעזולטאטן.

איך האב אפגעזוכט חבר ויידן און אים געזאגט, אז עפעס ציהט מיך אהין—צייגענדיק אויפן פארם.

אהין? פארוואס ניט? קומט. קומענדיג צום פארם, באגעגנען מיר א בהור טראגענדיק צוויי עמער צום שטאל.

שלום, חבר הורוויץ! באגריסט אים ויידן—באקענט זיך מיט א חבר פון מ.—חבר גינזבורג.

עס פרייט מיך איך צו קענען, ענטפערט ער—איך קום פון דענוויל.

דענוויל? דאס איז דאך אין גאנצן 18 מייל פון אונז.—אבער עס זיינען דאך דארטן דא אזוי ווייניק אידן?

אבצעהן פאמיליעס איז בא איך ווייניק? און א יונגט קבוצה איז שוין דארט אויך דא, זאגט ער.

דערציילט מיר בעסער, חבר, וואס טוט איר דא?

וואס הייסט וואס מיר טוען דא? איר זעט דען ניט? צייגט ער מיטן האנט אויף די הינער וואס זיינען צושפרייט איבערן פארם.—און די קיה זעט איר אט דארט? און די חברים וואס קולטיווירן דעם קארן האבן קיין ארבעט ניט? און איך, קוקט ער אויף די עמער וואס שטעהען אויף דער ערד, דארף צוגרייטן צום מעלקן.

יא, רוף איך זיך אפ, דאס זעה איך, אבער קיין גרינצייג איז דא ביי איך ניטא.—קיין גרינצייג? פרעגט ער. און וואס איז דארט? צייגט ער מיטן פינגער אין דער ריכטונג פון קעמפ.

דאס באלאנגט דאך צום קעמפ, זאג איך.—צום קעמפ? זאגט ער, און וועך גרייט צו פאר זיי דאס לאנד און די יונגע פלאנצן? איר מיינט טאקע אז זיי זיינען פארמערס? זיי טוען דאך אלעס פון ביכל ארויס...... און כאפט א קוק צו ויידנען מיטן זייט פון אויג. ויידן שמייכלט.

יא, אבער איך האב דאך געזעהען שיינע בלומען, רוף איך זיך אפ.

וויים איך! מאכט ער א גרימאסע—זיי האבן זיי אנגעפודרעט.....

מיר צולאכען זיך אלע. דערווייל קומט ארויס א געזונט מיידל מיט אן עמער, באגריסט אונז און הויבט אן פאנאנדערווארפן קערנער פאר די הינער און זיי לויפן פון אלע זייטן און רינגלען זי ארום.

איר זעט? צייגט אונז חבר הורוויץ אויף דער מיידלס פיס,—וואס פאר א הלוצה קען עס זיין אז עס טראגט זיידענע זאקן? אז נאר אין זיידנס וויקלען זיי זיך דא אין אמעריקא. און ער קוקט דערווייל מיטן זייט פון אויג אויף חבר ויידן.—אין ארץ ישראל גייען זיי בארוויס, און זיי זיינען טאקע די אמתע הלוצות.

ער האט זיך שוין צורעדט, זאגט זי שמייכלענדיק.

לויף זיי נאר די בעסטע מאשינערי, רעדט ער ווייטער,—און זיי וועלן בלויז דארפן א דריק טאן א קנעפל. און אלעס וועט פארטיג ווערן... א וועלט היינט!

ויידן שמייכלט און זאגט—מיט דריי יאר צוריק האסטו געזאגט אז דו וועסט זיך נאר ניט באקענען מיט מארקסן און אדלערן וועסטו שוין די וועלט

צורעכט מאכן, און ביז היינט האט איר אלע דריי ווייניג וואס אויפגעטאן....
און גאט האט דעם גאנצן עסק באשאפן אין זעקס טעג.....

הערסט א חכם! ווייסטו ניט אז איבערבויען איז שווערער ווי אויפבוי־ען? וויפיל האט אונז גענומען צו איבערבויען די שטאָל אויף אַט דער הויז? א קוגין ווען מען גיט דיר נייע ברעטער מיט גלאנציגע טשוועקעס—א קנאק, און פארטיג. פרוב אבער צופאסן אלטע ברעטער פון אן אלטער געביידע, און שלעפּ ארויס פארזשאווערטע טשוועקעס. דו הערסט, — פארזשאווערטע, וועסטו וויסן וואס הייסט ארבעט.

א! טוט ער א מאך מיטן האנט, וואס טויג ריידן! דו וועסט דען פאר־שטיין? דו ביסט דען אן ארבעטער? דו ביסט דאך אן אינדזשעניר.—דו מאכסט א פינטעלע מיטן בליישטיפט—אט דא זאָל מען ארײנשלאגן א טשוואק......, אבער אליין ארײנשלאגן, דאס ניט.—נו, כאפט ער זיך—זיי קוקן שוין אהער, מיינענדיק די קיה, מען דארף זיי שוין צוגרייטן עסן.

מיר האבן זיך אומגעקערט צום קעמפּ.

א פריילעכער בחור, זאג איך, אן אינטערעסאנטער טיפּ.

יא, ענטפערט זיידן, איר האט אים אבער געדארפט זעהען ווען ער איז געקומען אהער. מיט דריי יאהר צוריק האט ער פארבלאנדזשעט צו אונז. האט אומגעוואנדערט ווי פילע יוגנטלאכע אין יענער צייט. נו, דא קען יעדע־רער קומען און זיך פארדינען זיין אויסקומעניש. האט זיך אבער ארויסגע־צייגט אז ער קען ניט ארבעטן. וואס איר וואלט גערופן א הונדערט־פּראצענ־טיקער פוילער. אונזערע חברים האבן פארשטאנען, אז ער טוט עס ניט מיט זיין ווילן. האבן זיי אים פריער געלאזט זיך צוקוקן וואס זיי טוען. דערנאך האבן זיי אים צוביסלאך געלערנט ארבעטן. און יעצט, קען ער ניט פארשטיין צו וואס מען דארף מאשינערי. ער קען זיך גאר זאט ניט אנארבעטן. האט שוין געארבעט א יאר אין ארץ ישראל אין א קבוץ, און האט גרויסע אמביציעס.

יא, זאג איך, איך האב באגעגנט אזעלכע מענטשן. זיי מאכן דעם איינ־דרוק ווי פוילקייט וואלט געווען בא זיי א רעליגיע. פון וואס נעמט זיך דאס?

עס נעמט זיך, ענטפערט זיידן, פון דעם וואס זיי האבן אין זייער פריער יוגנט באנוצט פוילקייט אלס א קאמפּס מיטל נעגן זייערע עלטערן. זיי האבן דאס באנוצט אזוי לאנג, ביז עס איז געווארן בא זיי א געוואוינהייט, וואס האלט זיי שוין אין קלעם. און מען האט שוין געדארפט מאכן אן אנשטרענ־גונג זיך צו באפרייען דערפון, אבער מען האט דעם חשבון מיט צוויי ניט אויסגעגליכט, און זיי האבן זיך ניט אנגעשטרענגט צו באפרייען פון דער געוואוינהייט און אזוי פארבליבן א סך ביז זייערע לעצטע טעג. די האבאס באלאנגען צו דער קאטעגאריע.

עס ווייזט אויס ווי די דערפארונגען פון דער פריער יוגנט האבן א שטארקע השפעה אויפן כאראקטער פונם מענטש, זאג איך.

נעטראפן,—ענטפערט זיידן.

אבער פארוואס אזויפיל קאנפליקטן מיט די עלטערן? פרעג איך. נאך אייערע רייד קומט אויס ווי דאס וואלט געווען דער גרעסטער קוואל פון מענטשנס ליידן.....

האט איר געזען יודזשין אניעל'ס דראמא "מארנינג ביקאמס עלעקטרא"? פרעגט זיידן. **דארט זאגט זיך אז איין מענטש צערייצט דעם צווייטן. מען דארף דאס נאך אויסבעסרן און זאגן אז איין דור צערייצט דעם צווייטן. און**

נאך קלארער דערציילט בערטראנד ראססעל אין זיין בוך "עדיוקיישאן ענד גוד לייף"—פארהיט דאס קינד פון צערייצט ווערן אין זיין פריער יוגנט—און דער מענטש וועט נאטירליך זיין גוט.

קומענדיק פון פארם האבן מיר זיך צוגעזעצט אונטער א ביידל. די זון האט זיך שוין גענומען זעצן. חברה האט זיך גענומען קלייבן אין ביידל און גרייטן זיך צו וועטשערע. און א פרייליכער שמועס האט זיך געהערט פון דארט. ניט לאנג האט אבער אט דער געמיטליכער שמועס געדויערט אין ביידל. איינינע קינדער האבן זיך צושטיפט. עס איז געווארן וואס ווייטער מער טומלדיק, און מיט אמאל האט זיך דערהערט א ווארפן פון זאכן. עס איז געווען קלאר אז חברה זעצן פאר זייער באל שפילן אין ביידל מיט זייערע קישנס. קורץ, אין ביידל קומט פאר א מלחמה. אבער זיידן זיצט און שמועסט מיט מיר און רירט זיך ניט פון ארט, גלייך ווי דער גאנצער עסק גייט אים גאר ניט אן—ווי קומט עס? פרעג איך אים.

איך מיש זיך ניט, זאגט ער, אין אזעלכע זאכן. איך וויל זיך ניט איינ־עסן ביי זיי איבער קלייניגקייטן. דער אויפזעער, טאקע איינער פון זיי, וועט שוין דארט אויסגלייכן. און אזוי איז טאקע געווען. ווען דער אויפזעער זיי־ערער איז שפעטער געקומען און געזעהען דעם חורבן אין ביידל און פעדערן פון א צוריסענער קישן, האט ער דער גאנצער גרופע געמאכט א פארהוואורף אין דיסציפלין־לאזיגקייט. חברה האבן זיך פארשעמט, גענומען זיך צו דער ארבעט, צונעקליבן, פארריכט אלץ און געמאכט ארדנונג אין ביידל.

אט אזוי לערנט מען זיך ביי אייך פירערשאפט?

יא, שמייכעלט זיידן.

אין א ווייל ארום איז צו אונז צוגעקומען חבר פארמאן און האט זיך אויך צוגעזעצט צו אונז. מיר האבן אלע דריי געפירט א שמועס—ערשט איך זעה—עס געהן צו צו פארמאנען א פאר אינגלאך מיט פעקלאך אויף די פלייצעס און ווינטשן אים א גוטע נאכט און קלייבן זיך אוועק געהן.

האט איר אלץ מיט זיך? פרעגט זיי חבר פארמאן.

יא, ענטפערן זיי, און פארנויגן זיך פאר אונז און געהען אוועק.

וואוהין געהן די אינגלאך?

א, די צוויי חברה־לייט גייען אוועק אין וואלד שלאפן.

וואס איז? האבן זיי דא קיין פלאץ ניט?

זיי לײדן פון דעם געפיל פון מורא, און דער שלאפן אין וואלד איז איי־נער פון די מיטלען צו באקעמפפן דעם געפיל.

צווינגט מען עס זיי צו טאן?

ניין, זיי טוען עס פרייוויליק, נאך דעם ווי מיר האבן זיי ערקלערט אז דער געפיל פון מורא איז ניט קיין איינגעבארענער, נאר א געוויינהייט.

ני, חברה, קומט נאכיר גיין עסן, זאגט חבר פארמאן, פארגעסט ניט אז היינט האבן מיר א לעקציע.

די לעקציע

אין עס־צימער זיינען געווען ארום הונדערט אין פופציג פון די עלטערע קינדער. אויף די ווענט זיינען געהאנגען בילדער וואס האבן פארגעשטעלט עפיזאדן ווי א קינד הויבט אן א פארברעכער קאריערע און ענדיגט אין טורמע אלס דערוואקסענער. בילדער פון דעם קינד'ס היים, שול און געריכט.

דער רעדנער פארנעמט זיין ארט און פאנגט אן געלאסן:

קינדער, לעצטע וואך האבן מיר באטראכט די עקאנאמישע אורזאכן פון פארברעכן, היינט װעלן מיר זען וואס פאר א ראלע עס שפילט דער פסיכי־שער פאקטאר אין פארברעכן. די פסיכיק פונם מענטשן איז נאך אלץ א מיסטעריע און איז ניט קלאר פארן ברייטן עולם, דערפאר ווערן אין דער הינזיכט געמאכט אזוי פיל טעותן פון די וואס באשעפטיקן זיך מיט קינדער פארברעכענס. איך וויל איצט מיט אייך דורכגעהן די פארשיידענע מדרגות וואס דאס קינד געהט דורך איידער ער ווערט א פארהארטעוועטער פארברע־כער. און כדי איר זאלט עס בעסער באנעמען, וועל איך מיט פארגעניגן ענטפערן פראגעס אין מיטן דער לעקציע. איר דארפט זיך ניט צוריקהאלטן פון צו פרעגן ווען אייך איז עפעס ניט קלאר.—אט איז די היים וואו וויקטאר וואהנט (ער צייגט אן מיטן שטעקעלע אויף א בילד). וויקטאר איז אכט יאר אלט, און דער פרינציפאל פון סקול וויים ניט וואס צו טאן מיט אים — ער קומט ניט רעגעלמעסיג אין שולע. און אז דער פרינציפאל דראעט אים און שרעקט אים אפילו מיט שלאגן, זאגט ער אז ער האט ניט מורא פאר קלעפ. אן איינגעשפארט קינד, טענה'ט דער פרינציפאל. די עלטערן באקלאגן זיך אז ער גנבהט פון דער היים. אפילו ביי די געסט וואס קומען צו זיי, שלעפט ער פון די קעשענעס. עס איז קלאר אז וויקטאר איז געבארן געווארן מיט פארברעכערישע נייגונגען—אזוי טענהן די ארומיקע, און דער טאטע דער־לאנגט אים אפט מיטן פאסיק, דער פרינציפאל—מיטן ווירע. אט האט איר דעם אנפאנג פון פארברעכן און שטראף.

דענקט איר, קינדער, אז די ארומיקע זיינען גערעכט—אז וויקטאר איז געבארן געווארן מיט פארברעכערישע נייגונגען?

יא, זאגן צוויי פון די קינדער.—ניין, זאגן דריי אנדערע.

די וואס זאגן "יא", פרעגט דער לעקטאר, מיט וואס באווייזט איר עס?

דערפאר, ענטפערן זיי, ווייל וויקטאר האט אלעס וואס ער דארף און דאך גנבה'ט ער.

און די וואס זאגן "ניין" מיט וואס ערקלערן זיי עס?

מיר דערקלערן עס, זאגן זיי, אזוי דערפאר, ווייל ווען א קינד ווערט גע־בארן ווייס עס ניט אז עס דארף גנבה'נען.

אט דאס זיינען טאקע די אנגענומענע מיינונגען ביים עולם. די וואס זאגן אז פארברעכן איז א געבארענע זאך האבן ווייניגער באווייזן ווי די וואס זאגן אז פארברעכן איז א געווארענע אייגנשאפט. אין אונזער פאל טאקע האבן די לעצטע מער באווייזע אויף זייער צד. דער יונגער פארשער וואס האט שפעטער אונטערגעזוכט וויקטאר'ס ביאגראפיע האט אויסגעפונען אז דער אמתער נעסט פון וויקטארס פארברעכענס און זייער סיבה איז געווען... זיין אייגן הויז, און דער שולדיקער,—זיין פאטער אליין.

אלע שטעלן אן די אויערן.

יא, דער פאטער, וואס איז אליין געווען קראנק אויף א כאראקטער־קראנקהייט. פלעגט יעדן מאלצייט, יעדע שעה פון זיין געפינען זיך אין הויז פארוואנדלען אין א שווערע אפקומעניש פאר אלעמען: פלעגט זיך בייזערן, שרייען פאר יעדע קליינינקייט, ברעכן געשיר און אין צארן אנטלייפן פון מיט אדער אין גאנצן פון שטוב, און די פאמיליע לאזן א באליידיגטע, א באזארגטע. אזעלכע סצענעס האט וויקטאר צוגעזעהען זינט ער האט געעפנט

דער פאטער



דער פרינציפאל



דער ריכטער

זיינע אויגן. ער האט עס ניט געקענט איבערטראגן, און אויף זיין אופן גענומען רעוואלטירן, געבן צוריק. פריער, נעשפארט זיך אין עסן נעמען, ניט געוואלט וואשן זיך, געטאן היזקות אין שטוב און שפעטער גענומען גנבה'נען. דער טאטע האט ניט פארשטאנען, אז דאס איז אז אומבאוואוסטזיניגע נקמה פונם קינד פאר דעם פאטערס בייזקייט, און ער האט אים מיט זיין שטראפן און שלאגן נאך מער צורייצט. אויך די לערער אין סקול, ניט וועלנדיק דערגיין די אורזאכן פון זיין עקשנות, האבן אים געגעבן שלעכטע צייכנס און באליידיגט אויף טריט און שריט. האט וויקטאר ביי זיך אפגעמאכט, אז די וועלט איז אומגערעכט און שלעכט צו אים, האט ער באשלאסן צו ענטפערן מיט שלעכטס.

א קינד שטעלט אפ דעם לעקטאר און פרעגט:—פאר וואס האט וויקטארס פאטער אזוי געהאנדלט צו זיין פאמיליע?

דער לעקטאר ענטפערט:—דער פארשער דערציילט אונז ווייניג וועגן וויקטארס פאטער. אבער ער האט, ווארשיינליך, אויך געהאט זייער שלעכטע דערפארונגען אין זיין יוגנט. פיליכט האט ער געהאט א פיזישן חסרון, וואס האט אים געמאכט מינדערווירטיק קעגן אנדערע קינדער—איז ער פארבליבן א פארביטערטער. אדער עפעס צוליב אן אנדער סבה. און אזוי ווי עס האט זיך ניט געפונען קיינער וואס זאל אים אויפמערקזאם מאכן און געבן צו פארשטיין אז א מענטש דארף זיין העכער פון אזעלכע קליינינקייטן, איז ער פארבליבן א פארביטערטער אויף זיין גאנצן לעבן, און האט אויך פאראומגליקלאכט זיינע קינדער.

אט אזוי האט זיך אנגעהויבן וויקטארס פארברעכערישקייט. פריער פון כעס, פון צו'להכעים געפיל צו אנהויבן גנב'נען ביי אייגענע, שפעטער—ביי פרעמדע, און דאס איבעריקע טוט שוין די פאליציי און אפילו דער ריכטער, וואס ווייסן ניט פארוואס וויקטאר איז געווארן א פארברעכער, פונקט ווי די לערער און דער פרינציפאל האבן ניט געוואוסט און ווי איינינע סאדיסטישע אנגעשטעלטע פון די פארשידענע רעפארמאטארי אינסטיטוציעס ווייסן נישט. און אלע צוזאמען, אונשטאט אויספארשן זיין כאראקטער און אים העלפן ארויסקומען, האבן זיי אים נאך מער געשטייסן אין אפגרונד, און געמאכט פון אים א געפערלאכן פארברעכער.

נו, איז וויקטאר שולדיק? פרעגט דער לעקטאר.

ניין, ענטפערן די קינדער.

ווער האט אים אבער געקענט העלפן? פרעגט א קינד.

יעדער איינער וואס איז געווען נאהענט צו אים. פריער פאר אלץ זיינע לערער. די לערער האבן געדארפט וויסן וואס עס טוט זיך ביי וויקטארן אין דער היים, און אויפווייזן זיין פאטער זיין שעדליכע באציהונג צו זיינע קינדער. און אויב דאס וואלט ניט געהאלפן, וואלטן די לערער באדארפט אויפקלערן וויקטארן אז זיין פאטער האנדלט אזוי קעגן זיין אמתן ווילן, עס איז ביי אים אזא קראנקהיים. וואלט וויקטאר דאס פארשטאנען, וואלט ער ניט געטראגן קיין האס צו זיין פאטער, נאר וואלט אים באדויערט, וואלט ער במילא ניט געוואקסן מיט קיין כעס און נקמה געפיל קעגן דער וועלט. דאס איינענע וואלט געקאנט טאן א קלוב־פירער אדער א חבר. יעדער איינער פון אייך קען עס טאן, ווען ער פארשטייט די אורזאכן.

אין דעם בוך "דהי טשיילד אין אמעריקא" דערציילט אונז דער מחבר

אז אין די גרויכע שטעט זיינען א דריטל קינדער אונטער 19 יאר אויפן רעקארד פון פאלים אדער קאורט. עס געפינען זיך איצטער צוויי מיליאן קינדער אין אמעריקא אין די רעפארמאטאריעס און טורמעס. מען קען אט די פאקטן נים ערקלערן בלויז דורך עקאנאמישע סיבות, ווייל די סטאטיסטיק איז נאך גענומען געווארן נאך פאר 1929. דארף מען דערפאר עס דערקלערן דורך נעמען אין אנבעטראכט די קאנפליקטן צווישן קינדער און עלטערן אלס אורזאכע.

דערמיט האט זיך די לעקציע געענדיגט. חברה האבן זיך צושאטן איבערן קעמפ. ווער פארלאך ווייז, ווער אין גרופן, געזאנג און געלעכטער האבן אנ־געפילט די לופט. מיר, א גרופע פון פינף האבן זיך געלאזט אויף א זייטיקן וועג. וואס לויפט פארביי דעם קעמפ. די נאכט איז געווען א פינסטערע. די לופט האט זיך געאטעמט געשמאק. עס האט זיך געפילט ארום ווי עס וואקסט און צייטיגט גאט׳ס געשאנק. דער אפקלאנג פון קעמפ איז אלץ שוואכער געווארן וואס ווייטער מיר זיינען געגאנגען, און באלד אין גאנצן פארשוואונ־דען. בלויז דער ברומען פון די אינזעקטן אויףביידע זייטן וועג האט אונז באגלייט. קארפ מיט זיידנען האבן געפירט א געשפ׳ עד מכח דעם קומענדן שבת און זונטאג—מען ריכט זיך אויף א הונדערט געסט—ווי אזוי מען זאל זיי איינארדענען, און וואס פאר פראדוקטן מען זאל זיי פארקויפן. פון בלומען קען מען שוין אלע סארטן פארקויפן. מען דארף בעסער אויפפאסן אויפן קארן. לעצטן זונטאג האט מען אפגעבראכן קליינע קאטשענעס וואס זיינען נאך נים געווען אנגעפילט געווען. מען ערווארטעט אן איינגאמע פון ארום 150 דאלער פון גארטן אליין.

צווישן פארמאנען און דעם לעקטאר חבר פיין איז דער געשפרעך געווען וועגן דער היינטיגער לעקציע.

דיר, זאגט פארמאן, איז לייכט צו ריידן—מען דארף נאר דעם פאטער אויפקלערן וואס דאס איז, און ער וועט אויפהערן. אבער אונזערע חברים געפינען דאס נים אזוי לייכט. ערשטנס מאכט ער זיך נים וויסנדיק. און ווען ער אנערקענט שוין אז וואס ער טוט איז נים גוט, זאגט ער אז ער קען זיך נים העלפן, און פארטיק.

אזא דערפארונג, ענטפערט פיין, האבן נאר די וואס האבן נאך נים באהערשט די קונסט פון געווינען דעם צוטרוי פון א מענטשן. די ערנסטע אויפגאבע מוז זיין די דערהויבונג צו זעלבסט ווירדע בא א מענטשן, און דאן צו ביסלאך אים לערנען ווי אפגעוויינען זיך פון די שטערונגען. פארגעסט נים אז ער פילט זיך זייער שולדיק. ער מיינט אז ער איז דער איינציגער אויף דער וועלט מיט אט דעם חסרון, כאטש איין פאט וויים, אז ער איז אזוי שולדיק ווי זיין קינד, און זיי ביידע ווי זייערע זיידעס און עלטער זיידעס, אזוי ביז אדם און חוה. ועסטו, זיי זיינען אפשר די שולדיקע, ווייל זיי האבן פארזוכט פונם עץ הדעת. און פון דעם האט זיך גענומען די ראנגלעניש בא׳ם מענטשן פון שכל און געפיל. איך זאג נאך אמאל—מיר מוזן זוכן אין דער ביבלישער ליטעראטור פאר פארגלייכונגען און משלים. זי איז נאר רייך אין דעם, און מען קען א סך שעפן פון איר, און פארגעסט נים אז די אלטע חכמים האבן טראדיציע און האבן בא׳ם עלטערן דור מער אויטאריטעט ווי היינטיגע גע־לערטע פארשער. אט האט מיר מיינער א חבר לעצטן ווינטער ענטדעקט א גאנצן איגר פון עין יעקב. הערט זיך נאר צו—

אין מסכת חגיגא, פרק ב, דערציילט אונז די גמרא אזא מעשהלע:

רב שמואל האט געטראפן רב יהודהן ווי ער שטעהט אנגעשפארט אויפן רינג פון טיר און וויינט. זאגט ער צו אים:—דו גרויסער למדן, וואס וויינסטו? ענטפערט רב יהודה,—איך האב זיך דערמאנט א פסוק אין ישעיהו: "איה סופר, איה שוקל, איה סופר את המגדלים" טייטשן מיר דאס דאך אוים אויף די חכמים פון אמאל: וואו זיינען די ציילער, ד. ה. די וואס האבן איבער געציילט יעדן אות אין דער תורה; וואו זיינען די ווענער—זיי האבן געווען אלע קל־וחומר'ס אין דער תורה; וואו זיינען די ציילער פון טורעמס—ווייל זיי האבן געקענט דרשה'נען דריי הונדערט הלכות אפילו אין דעם ענין פון פליהענדן טורעם (וואס באדיים אן אלטן דין אין טומאה און טהרה אין אהלות). האט רב אמי דאך געזאגט אז דואג און אחיתופל האבן געפרעגט דריי הונדערט קשיות אין דעם ענין פון א פליהענדן טורעם. און דאך ווי ניט גרוים אט די צוויי מענטשן זיינען געווען האבן זיי שפעטער געזינדיגט און די גמרא רעכנט זיי צו צו די פיר הדיוטים וואס וועלן נים האבן קיין חלק אין עולם הבא. היינט אויב זיי—אזעלכע ריזן האבן געקענט צו דער עלטער ווערן פושעי ישראל, היינט ווי קענען מיר שוין זיין זיכער מיט אונזער פרומקייט? ווער ווייס וואס פון אונז וועט ווערן? אויף דעם וויין איך. זאגט צו אים רב שמואל—ווייסטו פארוואס יענע זיינען אראפ פון דרך הישר? ווייל זיי זיי־נען געווען פארביטערט און געטראגן א פארדראס אין הארצן (פון דער יוגנט אן)........

איר פארשטייט, זאגט חבר פיין, די אלטע חכמים האבן אויך עפעס געוואוסט וועגן דער ווירקונג פון פארדרוס. היינט ניי ווייס איצט וועמען צו געבן קרעדיט פאר וויסן פסיכאלאגיע, צי אלפרעד אדלער, צי רב שמואל...

איר ווייסט וואס איך טראכט, ווען איר, פאבליים, זאלט זיין ערפאלג־רייך הונדערט פראצענט וואלט די וועלט אויסגעזען זייער מאנאטאן. ווארום דעם מענטשנס לידן, וואס איר ווילט פארמיידן, זיינען דאך אויך די זריעה פון אינטערעסאנטע קאריערעס—זינגער, טענצער, פאעטן, שרייבער און א. וו.—ווארום דער פשוטער מענטש וואס ארבעט און עסט האט דאך אונז נים וואס צו געבן אין קולטורעלן זין; מען מוז דאך עפעס איבערלעבן כדי צו פארמאגן דעם געטלאכן פייער; איך פארשטיי, אז דיר ארט ווען דו זעסט א קינדס לידן און פארשטייסט אים, אבער ווער ווייס וואס די השגחה מיינט דערמיט—אפשר איז דאס נאר דער פרעליוד צו אן אינטערעסאנטער קאריערע?

עס איז דא א סך אמת אין דעם וואס דו זאגסט, ענטפערט חבר פיין, איך בין אבער ניט מסכים מיט די אויספירונגען וואס דו מאכסט. וואס אנ־בעלאנגט אונז אידן, וועלן מיר זיך איינגאנצן נים קענען באפרייען פון לידן ווי דערפאלגרייך מיר זאלן ניט זיין, ווייל מיר קריגן א צוויי־ענדיקע גאַב—אי פון דרויסן, אי פון אינעווייניק. איבער די דרויסענדע האבן מיר א קליינע שליטה; דארפן מיר כאטש פארמינערן די וואס קומען פון אינעווייניק, כדי מיר זאלן זיין גלייך מיט אלעמען. און דיין טענה ווי אן אינטערעסאנטע קאריערע ווערט געשאפן איז טאקע אמת אבער ניט דער גאנצער אמת. ווארום עס זיינען דא נאך עלעמענטן וואס מען טאר נים פארזעהן—ווי נייגערינקיים, דער ספעקולירונג און ענטדעקונגס חוש, מינדערווערטינקיים און דער באַר שאפונגס דראנג, און א. וו. זיי האבן אויך צו טאן מיט קולטור שאפונג. און

ווען אפילו די ראנגלעניש מיט פארדרום וואלט געווען די איינציגע אורזאכע פון אן אינטערעסאנטער קאריערע, איז דאך דאס אויך די אורזאכע פון א סך צושטערנדע קאריערעס—ווי צו־להכעיס, סאבאטאזש, פאראזיטיזם, שכרות, פארברעכן, היסטעריקע, און א. וו., און אפילו דער דערפאלג־רייכער איז דאך אויך אין שטענדיגער ראנגלעניש מיט זיך אליין, און דו קענסט קיינמאל ניט וויסן ווען דער צוזאמענברוך קען קומען. נו, זעסטו, פאעטן האבן מיר טאקע א סך, אבער וואס איז זייער פאעזיע, אויב ניט איין לאנגע תחינה. פונקט ווי עס וואלט גאר קיין פרייד ניט געווען אין דער נאטור צו אין לעבן. דאס איז דאך דער בליק פון דעם דאמיניקאנער מאנאך, וואס זאגט אז די וועלט איז א יאמערטהאל און דאס לעבן אן אפקומעניש פארן מענטשן. מיט אזא בליק וועסטו צו דער יוגנט ניט צוקומען, איך נעם ניכער אן דעם בעל־שם־טוב׳ס בליק: פרייד דארף זיין דער הויפט ציל פונם לעבן. זעסטו, ווען מיר באפרייען דאס קינד פון פארדרוס אין דער פריער יוגנט, וועט ער שוין די ענערגיע, וואס וועט ממילא ארויסקוועלן פון אים, קאנען קאנטראלירן און אויסנוצן פאר א קאנסטרוקטיוון לעבן.

זאג מיר נאר, פרעגט ווייטער פארמאן, פארוואס האבן אידן ניט געשבורט, כאטש זיי האבן געליטן מער פון אנדערע פעלקער?

ווייל, ענטפערט פיין, פון דערפארונג האבן זיי באשאפן שטארקע קולטור־באשיצונגס, פאקטארן, וואס האבן זיי אין א געוויסן גראד אימוני־זירט, ווי א פיינעם הומאר, וואס האט געקענט אויסלאכן די צרות, א פילאסאפיע, אז מען דארף צונעמען אלע צרות וואס גאט שיקט, ווייל מסתמא ווייס ער וואס ער טוט, און א הויכן מאראלן לעבן, וואס האט זיי ערמעגליכט צו קוקן פון אויבן אראפ אויף זייערע פארפאלגער.

אבער די פיינע ווערטן ווערן דאך פארלארן היינט, און בא וואס בלייבט דער היינטיקער יונגטלאכער ער זאל קענען ווידערשטיין ראסענהאס און זיך ניט פילן מינדערווירטיג,—בלייבט דער איינציגער וועג לערנען אים צו דערקענען דעם מענטשן און די מאטיוון פון זיין אויפפירונג. וועט דער יונגטלאכער קענען קוקן אביעקטיוו אויף דער שלעכטקייט און וועט קענען רואיק איינארדענען זיין ווידערשטאנד און אויך ניט ענטוישט ווערן אין מענטשן, וואס איז היינט ליידער דער הערשענדער געפיל בא דער יוגנט. אויב מיר ווילן בויען א נייען לעבן, מוזן מיר האבן א נייען ענטהוזיאזם. פון וואנען וועט ער קומען? דו קענסט ניט ווערן ענטהוזיאסטיש איבער טעכניק אין אמעריקא—מיט דעם זיינען מיר זאט; אויך ניט פון בלויז אויפבויען א ווירטשאפט, אפילו אויף קאאפעראטיווע יסודות, אבער זעהען דעם מענטשן אין א נייע ליכט, און די חשיבות פונ׳ם מענטשן זאל ווידער אויפגיין,—אט דאס קען ברענגען א נייען ענטהוזיאזם בא דער יוגנט.

זיידן און קארפ, וואס זיינען געווען ווייט אין פאראוים, האבן זיך אפגעשטעלט ווארטענדיק אויף אונז, און ווען מיר זיינען צוגעקומען נעענטער, רופט זיך אפ קארפ:

הערט, קבליסטן, איר וועט אויפהערן הקירה׳ן יעצט? אזוי גייענדיק וועלן מיר אנקומען פארטאג, און איך וויל נאך היינט טאנצן.

און מיר האבן גענומען גיין שנעלער. קומענדיג אין קאסינא, וואס איז געשטאנען אויפן ברעג פון לייק מישיגאן און איז יעצט געווען העל באלויכטן —די מיוזיק האט געשפילט און פארלאך האבן זיך געדרייט אין טאנץ.—

האבן איינינע אונז באגריסט, ווי מיר וואלטן זיי געקאנט. דארט זיינען אויך געווען איינינע חברים פון פארם.

זיידן, קארפ און פיין זיינען באלד פארשלונגען געווארן פון טאנצנדען עולם. פארמאן און איך זיינען צוגעגאנגען צום בופעט און גענומען עפעס טרינקען. עס האט זיך געפילט פרייליך, אלע פנימ'ער האבן געשיינט, די ליכטער האבן זיך אפגעשפיגלט אין טונקעלן לייק, אזוי ווי די קאסינא וואלט זיך אויסגעצויגן אויף אים. קוק איך אויף פיינען, זיידענען און קארפן ווי זיי טאנצן מיט חנ'עוודיקע מיידלאך פון שטעטל און ארומיקע סביבה. אינווייניק בא מיר ראנגלען זיך געדאנקען—איך קען עס נים באנעמען! רב שמואל, אדלער, בעל־שם־טוב, טאנצענדע מיידלאך, קבליסטן—וואו איז דער אויס־גלייך? לסוף איז איין געדאנק שטיין געבליבן.—יא, קבליסטן, מאדערנע קבליסטן, וואס ווילן די ישועה ברייגנען נים דורך אפשליסן אין זיך, נים דורך אפזונדערן זיך פון מענטשן, נאר דורך לערנען דעם מענטשן ווי זיך אליין צו געפינען. און מיט ליבע אין הארצן און פרייד אויפן פנים און מיט ליכטיגע אויגן קוקן זיי צום מארגן.

נאך א טאג פון איבערלעבונגען און אנגענעמענע איינדרוקן בין איך די נאכט געשמאק געשלאפן אין איינע פון די ביידלאך, וואס באלאנגט צו דער קבוצה פון אונזער שטאט. ווען איך האב זיך אויפגעכאפט אין דער פרי, האבן זיך די זונען־שטראלן שוין געשפארט דורך די פענסטער, און חברה האבן זיך שטיל דורכגערעדט. איך האב זיך שנעל אנגעטאן און ארויס אין גארטן—עס האט מיך געצויגן אהין. די דערוואכונג האט זיך שוין דארט אנגעזעהען. די מארגן־שטראלן האבן זיך שוין געשפילט מיט די בלומען־קנאספן, וואס זיינען נאך באדעקט געווען מיטן נאכט־טוי. איך בין געשטאנען און איינגעאטעמט די ענטציקענדע פרישקייט וואס האט זיך געטראגן פון א לאנגן בוים בלומען, וואס ערשט נעכטן האבן איך אכצן יונגע קינדערלאך מיט זייערע צארטע הענטלעך באדינט און זייער אויפגעהערין ווי א יונגע הירשן מיט ראזאווע באקן און לאנגע גאלדענע האר, א געזונטער עקזעמפלאר פון א אידישער טאכטער, האט געזונגען לידלאך אין אידיש, ענגליש און העברעאיש, און דער איבערגאנג אזא לייכטער, אזא הארמאני פונקט ווי עס וואלט נאר קיין מחיצה צווישן זיי נים געווען.

שטייענדיק אזוי פארטראכט דערפיל איך עמיצנס האנט אויף מיין אקסל. איך קוק זיך אום—חבר פארמאן.

איר טרינקט זיך אן מיט פארגניגן? פרעגט ער.

יא, ישאקל איך מיטן קאפ.

קומט, זאגט ער.

שפאצירענדיג מיט אים איבערן קעמפ האב איך אים געבעטן ער זאל מיר רעזומירן, איידער איך פאר אוועק, זייערע צילן און ארבעט וואס איך האב דא געזעהען.

איך באדויער וואס איר קענט נים שטיין מיט אינז אביסל לענגער, זאגט חבר פארמאן, וואלט איר פארשפארט מיר אן ארבעט. אבער אין קורצן איז אונזער פלאן אזא:

נאך דעם ווי מיר האבן דורכגעשטודירט דאס קינד און זיין סביבה, זיינען מיר געקומען צום איבערצייגונג אז—

1). די אלטע קינדער קעמפס זיינען נים געגאנגען אויפן וועג פון באַ־

פרידיקן דעם קינד'ס נייטן, און מיר האבן נעגרינדעט דעם קעמפ וואס ווערט געפירט אויף נאטירליכע יסודות. דא קריגן די קינדער א מעגליכקייט זיך אויסצולעבן נאטירלאך, ווי איר האט שוין געהערט און געזעהען. דער גרעס־טער דראנג פון קינד איז צו זיין זעלבסטשטענדיק. די היינטיקע געזעלשאפט אבער האט אויסגעשלאסן דאס קינד פון איינטייל נעמען אין איר ארבעט לויט זיינע מעגליכקייטן. דערפאר גיבן מיר דעם קינד דא אין קעמפ די מעג־ליכקייט צו דערפילן באטש טיילווייז דעם דראנג צו זיין זעלבסטשטענדיק, און טאקע דערפאר טוען די קינדער דא די גאנצע ארבעט אליין.

2). מיר פרואוון געבן דעם קינד צו פארשטיין, אז דער מענטש מוז זיך אליין קענען, נים נאר זיין אויסטרלאכן, נאר אויך זיין אינערלאכן וועזן. אן דעם פארשטיים דער מענטש נים זייטע האנדלונגען און בלאנדזשעט דורך זיין לעבן. מיר דערגרייכן דאס נים נאר דורך רעדן צום קינד, נאר אויך דורך שפיל, ארבעט און האנדלונגען.

3). די שטאדט האט דאס קינד אפגעשיידט פון זיינע נאטור פריינט, דאס זיינען די פארשיידענע חיות און בהמות. פאר וועלכע א שטאדטיש קינד פילט אפט א מורא. דא אין קעמפ הארעווען די קינדער מיט ליבע און צערטלאכקייט אזעלכע חיהלאך, קוקן זיך צו צום לעבן און ארומגעהן ארום די קיה, קעלבלאך און שעפסן אויפן פארם און ווערן אזוי ארום באקאנט מיט דער נאטור און אירע באשעפענישן.

4). מיר גרייטן צו דאס קינד צו לעבן אין א קאאפעראטיווער געזעל־שאפט, וואס נים יעדער מענטש קען עס טאן אפילו ווען ער וויל. דורך ארבעט אין קעמפ געוויינט זיך דאס קינד צו מיטצוארבעטן מיט אנדערע פרייוויליק אהן באפעלן. מיר לערנען אים צו האבן פארגעניגן פון זיין ארבעט.

5). מיר געוואוינען די קינדער צו פינקטלאכער און סיסטעמאטישער פארוואלטונג. די פארוואלטונג פון קעמפ איז אזוי צוזאמענגעשטעלט אז די פאראנטווארטליכקייט פון אנפירן דעם קעמפ פאלט ניט אויף נעציילטע צווייַ אדער דריי מענטשן, נאר איז פאנאנדערגעשפרייט אויף א גאר גרויסע צאל חברים—פארשטעהער פון די אלע גרופעס, וואס זיינען דא פון פארשידענע טיילן פונם ראיאן. זיי אלע שטעלן צונויף דעם ראט, און אלע באשלוסן ווערן איבערגעגעבן צו די מיטגלידער דורך זייערע אנפירער. אזוי ארום ווערן די קינדער געוואוינט צו א דעמאקראטישן לעבן. פארשטייט זיך, אז די אנפירער פון די אלע קבוצות מוזן זיך פריער גרייטן צו זייער ארבעט.

6). דער הויפט אונטערשייד פון אונזער קעמפ ביז די אנדערע פריערדיגע קינדער קעמפס באשטייט אין דעם וואס די אמאליקע קעמפס האט מען נעפירט לויט דעם מוסטער פון קעמפס פאר דערוואקסענע מענטשן, וועלכע ארבעטן א גאנץ יאר פיזיש און פארן ארויס אין "קאונטרי" זיך אפ רוען. די קינדער אבער, וועלכע ארבעטן ניט פיזיש, האבן, פארקערט, אין משך פון יאר אנגעזאמלט גרויס ענערגיע וואס האט באדארפט ארויס־גענעבן ווערן. אין די קעמפס אבער האט מען זיי ניט נעגעבן די מעגליכקייט אויסצונוצן דיזע ענערגיע דורך פרוכטבארע ארבעט. פארקערט, מען האט זיי באדינט דארט נאך מער ווי די גרויסע. האבן זיי זייער ענערגיע געמוזט אויסנוצן אויף שטיפערייען, שעדלאכע אויסברוכן, אדער אין בעסערן פאל, אויף גאר ניט געבענדיקע ספארט-טעטיקייטן. מיר גיבן זיי דא די מעגליכ־קייט צו פארשווענדן זייערע אנגעזאמלטע ענערגיע אין פראדוקטיווער

ארבעט וואס איז כמעט ווי א שפיל. דערפאר באמערקט איר זייער צופרידענ־קייט און רואיקן ענטהוזיאזם.

יא, זאג איך, פון אייער רעזומע פארשטיי איך די וויכטיקע ארבעט וואס איר טוט דא אין קעמפ. אבער וואס פאר א ווערט האט עס, אז נאך די עטלאכע וואכן אין קעמפ קומען די קינדער צוריק אין שטאדט, פאלן אריין אין אן אנדער ארט לעבן, און אייער גאנצע ארבעט גייט פארלארן.

ניין, ענטפערט חבר פארמאן, דאס איז בלויז א טייל פון אונזער ארבעט וועלכע מיר זעצן פאר אויך אין שטאט דורך זייערע קלובן און קבוצות. אגב ווען איר וועגן דעם מער לערנען ביי זיך אין שטאט אז איר וועט קומען אהיים. איך וועל אייך יעצט דערציילן בלויז פון א פאר אויפגאבן וואס מיר האבן אין שטאט. למשל, קהלשע ענינים.

ווי אזוי? פרעג איך.

למשל, זאגט ער, אויב אין א שטאטישער אינסטיטוציע ווערן מצד די אנגעשטעלטע באגאנגען עולות קעגן קינדער, פארשן אונזערע יונגנטלאכע אוים דעם ענין און ציען אויף זייער אקט די אויפמערקזאמקייט פון דער געזעלשאפטליכער מיינונג דורך פארעפענטליכן די באריכטן, און אויב נויטיג פיקעטן זיי אפילו די אינסטיטוציעס.

אזוי? זאג איך, ווייזט אויס אז פיקעטן איז א ווירקזאמער מיטל?

יא, זאגט ער, כאטש מיר באנוצן זיך דערמיט אין סאמע לעצטן פאל, ווען אנדערע מיטלען העלפן ניט.

וואס עפעס דוקא אינסטיטוציעס? מישט זיך אריין חבר זיידן, וואס איז צוגעגאנגען צו אונז און געהערט אונזער געשפרעך, מיר פיקעטן אויך יחידים און אפילו קינדער.

וואס הייסט קינדער? וואונדער איך זיך.

שרעקט זיך ניט און וואונדערט זיך ניט, זאגט חבר זיידן, קיין גזלנים זיינען מיר ניט, אבער פאר דעם וואוילזיין פון דעם קינד באנוצן מיר אמאל אויך אזא מיטל. אט הערט אוים א מעשה וואס עס האט געטראפן טאקע ביי אונז אין מ.—וועט איר פארשטיין דעם ענין. עלטערן ביי אונז ווייסן שוין ווען זיי האבן א שווערע פראבלעם מיט א קינד ווענדן זיי זיך צו אונזערע אנפירער דירעקט אדער דורך דער שולע. זיי ווייסן אז מיר קענען עפעס טאן אין דעם ענין. האט זיך א מאמע געווענדט צו אונז מיר זאלן איר העלפן מיט איר מיידל. וואס איז? עס איז ניט גוט. עס האט זיך ארויסגעצייגט אז דער פאל איז ניט קיין אויסנאם פון טויזענטער אנדערע פאלן. עס האט זיך פאר־וויקלט א נערוועזער קאמפף צווישן דער טאכטער און דער מוטער. און עס איז געווען פריילאך.... עס איז ביידע ניט געווען וואס צו מקנא זיין. די מו־טער איז געווען זייער באזארגט, אבער האט זיך געשעמט צו פרעגן און עצה בא עמיצן אט די אלע יארן. יעדע פאמיליע ביי וועמען עס טרעפט אזא זאך דענקט, אז זי איז אן אויסנאם, כאטש אין אמתן, א העלפט פון זייערע פריינד און באקאנטע טראגן זיך ארום מיטן זעלבן סוד. האבן מיר אונטערגעשיקט א חברטע פון קלוב און יענע האט זיך באפריינדעט מיט איר טאכטער. געבראכט זי צו אונזערע מיטינגען, און זי באקענט מיט די איבעריקע חברטעס כאטש עס איז געווען שווער, ווייל אזעלכע קינדער זיינען זייער שעמעוודיג און ווילן אויסמיידן געזעלשאפט. אונזער חברטע האט איר אומדירעקט געגעבן צו פארשטיין אז זי איז ניט קיין אויסנאם. אז נערוועזע עלטערן זיינען אלע מאל

נעווען, און אז די מוטער וואס שרייט מיינט דאס ניט איר. עס איז בא איר אזא שטערונג און פארדרוס, וואס האט זיך נאך אנגעפאנגען אין איר פריער יונגט, און באמת דארף מען נאר האבן מיטלייד מיט דער מוטער, ווארום זי איז דאך אן איבערגעבליבענע מאמע, זי האט איר דאס געזאגט אומדירעקט— וואס זי האט געזאגט אנאנדער חברטע וואס לײַדט פון דער מוטער. אבער אז



זי "פיקעט"

דאס האט ניט געהאלפן, האט זי גענומען ריידן דירעקט צו איר און געגעבן איר צו פארשטיין אז זי וועט שפעטער אויך לײַדן פון דעם ווי איר מוטער, ווייל וואס עלטער מען ווערט, אלץ שווערער ווערט זיך צו באפרייען פון אט דעם פארדרוס־געפיל. קורץ, נאכדעם האט זי זיך אין גאנצן אויפגעהערט צו באגעגנען מיט אונזער חברטע. וואס זאל מען טאהן? לאזן גיין? אבער אונזערע חברה זיינען עקשנים. שיקט זי איר א בריעף וואס לייענט זיך אזוי:—

"טייערע סערע: איך האב דיך שוין פיר וואכן ניט געזעהען. ווי עס זעט אויס, מיידסטו מיך אויס און ווילסט מיך ניט זעהען. איך גלייך דיך אבער, און וויל זיין דיין חברטע. איך ווייס מיט וואס איך האב זיך פארזינ־

דינם נעגן דיר—איך האב געוואלט ברייננן צו א שלום צווישן דיר און דיין מאמען. איז דאס טאקע אזא זינד? אונזערע חכמים האבן דאך געזאגט, אז אויף שלום שטעהט די וועלט. אויב דו וועסט אנהאלטן דיין פארדרוס וועט דאס שאדן דיין מוטער, דיר און אויך אונז זייטיקע. דארום בעט איך דיך, דו זאלסט מיך אפרופן און לאזן מיר וויסן ווען איך קען זיך זעהן מיט דיר. אויב איך וועל די קומענדע וואך ניט הערן פון דיר, וועל איך אננעמען אז דו ביסט איינגעעקשנט, און דאן זאלסטו מיך ערוואַרטן בא דער ענדע פון דער וואך זיצנדיק אויף דיין שוועל. איך וועל דארט זיצן אזוי לאנג ביז דיין גוטער ווילן וועט זיך אומקערן צו דיר. דו קענסט דאס מיר באווייזן מיט א שמייכל און מיט א נויג מיטן קאפ. און דאן וועל איך פארלאזן דיין שוועל און ווארטן א וואך צייט ביז דו וועסט מיך אפרופן. דיין חברטע, וואס האפט זיך זעהן מיט דיר, —פריידל.״

א גאנץ גוטער בריוול, רוף איך זיך אפ, אבער עפעס מאדנע.

הערט זשע ווייטער, זאגט חבר זיידן, אז דאס בריוול האט אבער ניט געהאלפן, איז שבת אין דער פרי שוין פריידל געזעסן בא איר חברטע אויפן שוועל. ווען די מיידל איז ארויסגעקומען און זי דערזעהען, איז זי געווארן איבערראשט פון דער גאנצער מעשה. דארנאך האט זי זיך אנגעבייזערט אויף איר און געהייסן איר אוועק געהן.—זי וויל ניט, זאגט זי, זיין איר חברטע. אבער אונזער פריידל האט איר א ווארט ניט געענטפערט און געזעסן, ווי ניט איר מיינט מען דאס. די מיידל האט זיך אנגעטאן און אוועק פון דער היים. אבער מאנטאג נאך סקול האט זי געפונען פריידלען ווידער אויפן שוועל. הקצור, וואס טויג דא צו ריידן—אויפן דריטן טאג האט זיך די מיידל אונ־טערגעגעבן מיט א שמייכל. און יעצט איז זי דא איך קעמפ און לאכט הארציג פון זיך אליין. דער גוטער ווילן איז צוריק געקומען. זעט איר, אז דאס האט אויפגעטאן אונזערע א חברה מיט איר פיקעטן.

מיך וואונדערט פון דעסטוועגן ווי אזוי קומט איר אזוי טיף ארייננצו־דרינגען אין די דערציאונגס פראבלעמען? מען פלעגט דאך ביי אונז פריער קוקן אויף דערציאונג מיט א פאליטישן בליק. וואס האט אייך געגעבן דעם שטויס צו פארטיפן זיך אין דעם ענין?

דעם אמת זאגנדיק קען איך באשטימט ניט זאגן וואס איז געווען די איינציקע אורזאכע פון דער נייער ווענדונג. אבער ווען איך טראכט וועגן דעם זעה איך עטלאכע אורזאכן

ערשטנס האבן זיך געפונען א פינף הונדערט יונגע פועלי ציון, אינטע־ליגענטנע חברה אבער ״אן א קנעלונג״. האבן ניט געהאט וואס צו טאן אחוץ ריידן. און עס האט זיך ניט גערירט פון ארט. מען האט געפרואווט צוגרייטן חלוצים פאר ארץ ישראל אבער איננאנצן פלעגן אפפארן פון פינף און צוואנ־ציג ביז דרייסיג א יאר. מען האט ניט געקענט שאפן א מאסן באוועגונג צווישן דער יוגנט, אלענפאלס, ניט אין די טויזנטער ווי מיר האבן דאס יעצט.

די צווייטע אורזאכע איז געווען דער קריזיס אין סאציאליזם. ד. ה. אין דעם סאציאליסטישן בליק אויפן מענטשן. די נייע פסיכאלאגישע וויסנשאפט האט דערוויזן אז מען מוז פריער פארשטיין ווי עס ארבעט די מענשלאכע פסיכיק איידער מען נעמט זיך איבערבויען די מענשלאכע געזעלשאפט. און די דריטע סיבה, וואס איז אויך ניט ווייניקער וויכטיג, איז געווען אונזער

שולן ארבעט. עס האבן זיך אנגעהויבן הערן קלאנגען פון אנטוישונג אין די דערגרייכונגען. מען האט זיך געפרעגט—צו דרייען מיר זיך ניט אין א פארכשופטען קרייז? און וואו איז דער אויסוועג?

און צו לעצט—די אידישע קאאפעראטיווע קאלאניזאציע. אויב איר געדענקט, האט זיך דאן אנגעהויבן א באוועגונג צו גרינדן אידישע קאאפעראטיווע קאלאניעס. דער קריזיס האט ארויסגעשטויסן מחנות אידישע ארבעטער און אויך קליינע געשעפטסלייט, און דער איבערבוי פון דער ווירטשאפט האט אויך ניט צוגעזאגט קיין צוקונפט אין די שטעט—עס זיינען געווען צופיל ארבעטער פאר דער ווירטשאפט. איז דאן אויפגעקומען דער רוף צו קאאפעראטיווער קאלאניזירונג. אייניגע האבן אויך געהאט אביסל געלט, און די רעגירונג איז געווען וויליג צו העלפן. איז דאך דאכט זיך גוט—און דאך האט זיך עס ניט גערירט פון ארט. מען האט געגרינדעט קאמיטעטן, מען האט גערעדט און גערעדט..... און עס האט ניט געהאלפן. אט די אלע ערשטיינגען האבן געוויזט זאיס געווירקט און גערייצט דער יוגנט, און דער רעזולטאט איז געווען טיפערע פארשונג אויף דעם געביט. און דערפאר זיינען מיר היינט א סך ווירקזאמער און זיכערער אין אונזער ארבעט, ווייל מיר ווייסן וואוהין מיר געהן.

מיינט איר צו זאגן, אז אויך קאאפעראטיווע קאלאניזאציע געהט אריין אין אייער געביט פון ארבעט? עס איז דאך א ריין ווירטשאפטליכער ענין.

געוויס געהט דאס אריין אין געביט פון אונזער ארבעט, און עס איז אויך ניט אזא ריין ווירטשאפטליכער ענין ווי איר מיינט. עס האט זעהר א סך צו טאן מיט מענשלאכן כאראקטער. אט נעמט אלע פריערדיקע דורכפאלן פון קאאפעראטיווע קאלאניעס וועט איר זעהען אז דער געמיט פון די איינוווינער זיינען געווען די אורזאכן. פשוט, ווייל פילע מענטשן זיינען ניט צוגעפאסט מיט זייער כאראקטער צו לעבן א געזעלשאפטליכן לעבן אין א קאאפעראטיוו און זיינען די וואס צושטערן די קאלאניע. דאס האט מען ביז יעצט ניט פארשטאנען. און אט האבן מיר אריינגעבראכט עפעס נייעס. א גרופע חברים, וואס האבן אונטערגענומען דעם שטודיאום פון מענטשלאכן כאראקטער. און די מערסטע אדער כמעט אלע פון אונז פירן יעצט אן געזעלשאפטליכע אונטערנעמונגען, מילא, מיין קעניגרייך זעט איר דאך. א צווייטער חבר פירט אן א קעמפ אין ניו יארק,—א פיל גרעסערן, דריי חברים פירן אן א קאאפעראטיווע קאלאניע אין ניו יארק סטייט. און, גלויבט מיר, זיי האבן א סך א שווערער שטיקל ארבעט פון מיר.

איר מאכט מיך ווידער ניינעריק צו וויסן אביסל וועגן אט דער קאלאניע אדער כאטש ווי אזוי זיי האבן זי געגרינדעט.

גוט, כאטש איך האב קיין צייט נישט, וועל איך אייך דערציילן ווי אזוי זיי האבן זי געגרינדעט. —אין פענסילוויינא סטייט איז דא א אידישע אגריקולטור שולע, וואו אידישע בחורים לערנען זיך פארמעריי. זיינען מיר געקומען צו זיי און געזאגט: איר ווייסט דאך אז היינט לעבט זיך ניט אזוי גוט דעם איינצעלנעם פארמער. קומט און לאמיר גרינדן א קאאפעראטיווע קאלאניע. די רעגירונג לייט געלט. און די מענטשן וועלן מיר אויסקלייבן, און אויפשטעלן א מאדעל קאלאניע וואס זאל זיין א מוסטער נאך וועלכער צו גרינדן נאך קאלאניעס. און זיי האבן אנגענומען. זיי האבן געהאט די פאכמאנישע דערפארונג, און מיר האבן געוואוסט ווי איינצושטעלן די באציאונגען

צווישן די מיטגלידער, און דערווייל ארבעט עס ערפאלגרייך, הלואי אויף ווייטער ניט ערגער.

הייסט עס, דארף איך פארשטיין, אז די מאדעל קאלאניע דארף זיין דער בייטראג פון דער יוגנט צו אט דער באוועגונג?

ניין, איך וויל אז אייער פארשטענדעניש זאל זיין פולער. אונזער הויפט ציל זיינען אינדוסטריעלע קאאפעראטיוון. און אונזערע חברים פירן שוין יעצט אן א גאנצע רייהע אינדוסטריעלע קאאפעראטיוון אין לאנד. די יוגנט האט בדעה איבערצונעמען די ווירטשאפט וואס גליטשט זיך ארויס פון זייערע עלטערנס הענט. אט נעמט אונזער בעסטן קאאפעראטיוו אין שיקאגא. א מענער־קליידער קאאפעראטיוו, וואס האט לעצטן באשעפטיגט ניין טויזנט אנגעגטן.

וואס? ניין טויזנט אנגעגטן? רוף איך זיך אפ אין גרויס פארוואונדערונג — עס מיוז דאך זיין א ריזיקע אונטערנעמונג!

ניין, ניט אזוי ריזיק, רופט זיך אפ פארמאן, אינגאנצן ארבעטן דארט ארום צוויי הונדערט ארבעטער, מערסטע פון זיי אונזערע אייגענע חברים.

טא ווי אזוי פאלט עס אויס אזא ריזיקע ארמיי פון אנגעגטן?

גאנץ פשוט. ניין טויזנט פון אונזערע יוגנטלאכע חברים האבן לעצטן יאר פארקויפט זייערע קליידער, און דעם קאמישאן האבן זיי אריינגעטראגן אין זייערע קבוצות. דערפון האבן ביידע געגאסן. דאס ערמעגלאכט אויך אונזער קאנטראל איבער די קאאפעראטיוון ניט נאר דורך אונזערע חברים וואס זיינען די פאקטישע פירער פון אינגווייניק, נאר אויך דורך אונזער ווירקן אויף דער געברויכקראפט פון דרויסן. אזוי דאס ווען אונזער אן ארגאניזאטאר קומט אין א שטאט ברייגגט ער מיט זיך אי תורה, אי סחורה. מיר האבן אפילו שוין געזעהען די ערשטע שפראצונגען פון אויסשטוים פון פראדוקטן צווישן אונזערע קאאפעראטיוון.

אבער אום צו גרינדן קאאפעראטיוון דארף מען דאך געלט?

נו, יא, מען קען זאגן אז געלט האט אויך עפעס א ווערט, ענטפערט פארמאן אבער, ווי זאגט דאס ווערטל—"געלט איז ניט אלעס, און א איד גיט זיך אן עצה". אבער, שפאס אן א זייט, עס איז טאקע דער עיקר אין קאאפעראטיווער ארבעט, אדער פונקט אזוי וויכטיג ווי די ארגאניזאטארישע זייט פון געשעפט. עס איז דא א סך צו דערציילן, ווי אזוי די פינאנצירונג ווערט דורכגעפירט. איך האב אבער ניט גענוג צייט יעצט. דערפאר וועל איך אייך בעסער דערציילן ווי אזוי מען גרינדעט קאאפעראטיוון אן געלט.—און צייגענדיג זיין "טיי" אויף דער לינקער זייט וואו עס איז אנגעניידט דער לייבל מיטן נאמען "העפי וועהר", זאגט ער—אט דער קאאפעראטיוו האט זיך געגרינדעט אן געלט.

אן געלט? חזר איך איבער.

יא, אן געלט, ענטפערט ער.

ווי אזוי? פרעג איך.

גאנץ פשוט, ענטפערט ער. אין פילאדעלפיא זיינען געקומען עטלאכע פון אונזערע חברים צו א אידן וואס האט געהאט א קליינע פאבריק פון נעקטייעס, וואס איז געגאנגען זעהר שלעכט. האבן זיי אים פארגעליינט צו מאכן פון זיין פאבריק א קאאפעראטיוו, און אים צאלן א געוויסן רענט פאר די מאשינען און אויך א געוויסן געהאלט פאר אים, ווייל ער איז געווען א פאב־

מאַן, און וועט אויך זיין א מיטגליד אין קאאפעראטיוו. ער האט דאס אנגע־נומען, און די ארבעטער וואס האבן דארט געארבעט זיינען די מערסטע גע־ווארן מיטגלידער אין קאאפעראטיוו. און מען האט זיך גענומען צו דער ארבעט. אונזערע חברים איבערן לאנד האבן צוגעלייגט א האנט און פארקויפט זייער סחורה. דער שיקאגאר קליידער קאאפעראטיוו האט אויך געהאלפן אפזעצן זייער סחורה און האט געהאלפן קויפן מאטעריאל אויפן ריכטיגן פרייז און אויף א לענגערן טערמין. און יעצט באשעפטיגן זיי דריי מאל אזוי פיל מיטגלידער ווי ווען זיי האבן אנגעפאנגען. און צווישן זיי געפינט איר חברים וואס האבן געשטודירט אויף לויערס, דענטיסטן,—און פילן זיך גאנץ צופרידן.

ער איז אנטשוויגן געווארן.

צופרידן, חזר איך איבער פאר זיך, און פריער פלעגן די זעלבע חברים זיך באקלאגן, אז זיי קענען גארנישט טאן ווייל די עלטערע חברים העלפן זיי ניט ארויס. איך פלעג זיי פרעגן—האבן די באראכאוום, די סירקינס, זשיפ־לאווסקים, איך די עלטערן געהאלפן? און די צארישע רעגירונג האט זיי אודאי געשטיצט.... און מיר דאכט אז די נויט דא ווערט כמעט אזוי שווער ווי זי איז געווען דארט, נאר אין אן אנדער פארמע.

איך געדענקט דאך ווי מען האט זיך געראנגלט געגן דער דיסקרימינאַציע פון אידישער ארבעט און קיין לייזונג ניט געפונען. פון איין זייט האט מען די יוגנט ענטמוטיגט פון שטודירן.—עס זיינען דא צופיל פראפעסיאנאלן—פון דער צווייטער זייט האט מען דיסקרימינירט געגן איר ווען זי איז גע־קומען זוכן ארבעט, קיין וואונדער וואס די יוגנט איז געווען אזוי ענטמוטיגט. יא, איר טוט א גוטע ארבעט. דער געשיכטע־שרייבער וועט דאס אמאל ריכטיג אפשאצן.

אט דאס איז מיין טענה, זאגט פארמאן, צו די וואס פרעגן נאך היינט: "אט דורך דעם וועג וועט איר איינפירן סאציאליזם? עס איז דאך אן אוטאָ־פיע." בא זיי האט א דעמאנסטראציע אדער א מאס־מיטינג א גרעסערן ווערט ווי בויען א קאאפעראטיוו. עס זיינען נאך אויך דא פון צווייטן עקסטרעם, וואס טענה'ן: "צו וואס פארשווענדן ענערגיע אין גלות? בעסער קאנצענטרירן אלע כחות אויף ארץ ישראל." נו, איר זייט מסתמא באקאנט מיט אט דער שיטה. זיי האבן שלעכט פארשטאנען זייער געטרייטאפט צו ארץ ישראל. בייטאג האבן זיי געטראכט פון איר, און ביינאכט—געחלומט. דער רעזולטאט איז געווען—מיטן קאפ זיינען זיי געווען דארט, און מיט די פיס—דא. און דערפאר האבן זיי קיין קאנסטרוקטיווע פראגראם פאר דער יוגנט ניט געהאט און זיינען אירע פירער ניט געווארן. ווען עס גייט אזוי ווייטער אן, וואלט ארץ ישראל מיט אמעריקאנער יוגנט א גאנץ קליינעם שייכות געהאט.

מיר פרעטענדירן ניט איינצופירן סאציאליזם דורך אט די קאאפעראַ־טיוון. מיר זעהען אבער אין די לענדער וואו אזא התחלה איז געמאכט גע־ווארן, איז זי געבויט אין רוסלאנד—אויף דעם קאלכאז. און אין ארץ ישראל—אויף דער קבוצה. נו, ווילן מיר האבן וואס מעהר אזעלכע פונדאמענטן, כדי ווען די צייט וועט קומען פארן ענטגילטיגן איבערבוי, זאל מען אונז גע־פינען גוט צוגעגרייט—זי מקבל פנים זיין.

מיר ווילן אויסמיידן די ערפארונגען וואס מיר האבן געהאט אין אנדערע לענדער. זייענדיק אין די צווייגן פון דער ווירטשאפט וואס האבן געדארפט

פארשווינדן, זיינען מיר געבליבן אויסער איר. און, ווי איר זאגט, דערהויבן די מום בא דער יוגנט. און טאקע א פרנסה פאר זיך אין אט דער צייט פון איבערגאנג האט אויך עפעס א ווערט.

אבער קאאפעראטיוון אין אמעריקא, זאג איך, זיינען דאך ניט געווען אזא ערפאלג ווי אין אנדערע לענדער?

ריכטיג, ענטפערט ער. דאס איז דערפאר, וואס אמעריקא איז געווען אין א בעסערער עקאנאמישער לאגע ווי אנדערע לענדער. און אויך דער גייסט פון אינדיווידואליזם וואס האט אלעמען באהערשט, איז אויך געווען א שטער אבער איצט איז דאס אלץ אנדערש. לעצטן יאר האבן זיך געגרינדעט דריי און צוואנציג נייע קאאפעראטיוון איבערן לאנד. און אכט הונדערט יונגעלייט האבן זיך געלערנט קאאפעראטיווע ארבעט. און מען קען דערווארטן אז די רעגירונג וועט אלע מאל שטיצן יעדע גרופע, וואס וועט פאר זיך שאפן א מעגליכקייט פון ארבעט אויף ניט פראפעטירענדע יסודות, ווייל איבערפלוס פון ארבעטער וועט בא אונז נאך זיין דאס שווערסטע פראבלעם פאר פילע יארן. און מיר האבן נאך עפעס מחדש געווען:—אונזער יוגנט באוועגונג איז פאראינטערעסירט אז די קאאפעראטיוון זאלן וואקסן, ווייל דארט ליגט איר צוקונפט. די קאאפעראטיוון דארפן אויך די באוועגונג, אלס פארשפריי־טער פון אירע פראדוקטן. ווי איר זעט—א געזונטע באזע פאר צוזאמענאר־בעטן, און ווען איר נעמט אין אנבעטראכט די צונרייטונג פון אונזער יוגנט צו פירן און ווערן געפירט אין ליכט פון פארשטיין דעם מענטשן, וועט איר זיך ניט וואונדערן אויף אונזער דערפאלג.

איך זעה, זאג איך, אז איר האט זיך פארנומען אויפן רעכטן דרך, טא זאל אייך טאקע גאט העלפן און געבן כח. אבער זאגט מיר, אין וואס זשע טאקע דריקט זיך אוים אייער ארץ ישראל ארבעט?

ערשטנס, האבן מיר אפגעשאפט די מחיצה צווישן ארץ ישראל און גלות. מיר שטרעבן צו פאר ארץ ישראל'ן דעם גלות דורך טאן די זעלבע ארבעט דא, וואס זיי טוען דארט. דאס שאפן פון געלט־מיטלען פאר ארץ ישראל, באטש מיר לאזן עס ניט ארויס פון אויג, איז עס אבער בא אונז ניט די הויפט ארבעט. אונזער הויפט צוועק איז באזעלן די היגע יוגנט מיט די גרויסע אויפטועונגען פון ארץ ישראל דורך פאקטישער מיטארבעטונג באטש א טייל פון זייער לעבן. דערפאר פארן שוין הייאר פינף הונדערט יונגעלאכע קיין ארץ ישראל פון וועלכע צוויי הונדערט וועלן בלייבן ארבעטן אין ארץ ישראל פאר א יאר צייט.

א, זאג איך, דאס איז דאך די בעסטע וואקאציע, וואס איינער קען האבן.

בא אונז איז עס מער ווי א וואקאציע. דאס איז א ציקל פון אונזער ארבעט. ערשטנס, גיט עס דעם יונגעלאכן א קרעפטיגונג אין זיין דערציהונג. ווארום ערציאונג איז ניט די מאס וויסן וואס איינער לערנט זיך אויס, נאר די מאס אחריות וואס איינער נעמט אויף זיך.—מיטגעפיל מיט זיינע מיט־מענטשן און אידענטיפיצירונג מיט די גרויסע גייסטיגע פירער פון דער אלטער און נייער צייט. און דאס קריגט ער דורך זיין ארבעט אין לאנד.

צוליב דעם זעלבן צוועק שטעלן זיך אויך אפ א צאל חברים אין יענע לענדער וואו עס האבן געבליבן אמאל אדער לעבן יעצט גרויסע אידישע ישובים, כדי צו שטודירן אידישע געשיכטע אין יענע ערטער. און אויך דעם עקאנאמישן און ווירטשאפטליכן מצב אין דער היינטיקער צייט.

מיר האבן פיר און צוואנציג חברים אין סאוועטן פארבאנד וואס ארבעטן שוין דארט א יאר און אהאלב און שטודירן די דערפארונגען אין דער נייער ווירטשאפט. זעקס חברים ארבעטן אין פוילען און פיר אין ארגענטינא. דורך זיי שטעהען מיר אויך אין אן ענגער פארבינדונג מיט די יוגנטלאכע גרופן וואס געפינען זיך אין די דאזיקע לענדער.

מיט איין ווארט, אונזערע יוגנטלאכע האבן אויף זיך גערן אונטערגענומען ווידמען זייער לעבן צו דעם ווירטשאפטליכן און גייסטיקן איבערבוי פון זייער פאלק פון אינדיווידועלע אויף סאציאלע יסודות. אט דאס איז דער פלאם וואס ווארימט זייער נשמה און גיט זיי כח דורכצופירן זייער אידעאל אין לעבן.

דאס זעט מיר אוים זייער שיין, זאג איך, אבער צו דיינקט איר אזא גוואלטיקע אחריות ארויף לייגן אויף אט דער אמעריקאנער יוגנט, וועלכע שטייט אונטער דער באשולדיגונג, אז זי איז קינדיש און וויל אויף זיך קיין פאראנטווארטליכקייטן נים נעמען?

אט די מיינונגען שטיצן זיך טאקע אויף פאקטן פון לעבן און האבן זייערע בארעכטיגונגען. אבער עס איז נים יושר'דיק צו באשולדיקן דערפאר די יוגנט אין גאנצן. עס איז פונקט אזוי זייער שולד ווי עס איז די שולד פון די ארבייטסלאזע וואס געהען ארום אן ארבעט.

איך פארשטעה אייך נים.

מיך וואונדערט עס נים. מען מוז אביסל טיפער טראכטן אום דאס צו בעגרייפן. אט נעמט דאס ווי עס שטעהט געשריבן: "גאט האט באשאפן דעם מענטשן אין זיין פארם און אין זיין געשטאלט." און גאט איז דאך דער גרויסער באשעפער פון דער וועלט, מיינט דאס דאך אז דער מענטש איז אויך א שטיקל בעשאפער. און מיר זעהן טאקע אז דער מענטש פילט זיך זעהר דערהויבן ווען ער קען עפעס באשאפן וואס איז ווארט געפעלן אין די אויגן פון זיינע מיטמענטשן. איצט נעמט אונזער יוגנט. זי קען אט דעם העכסט מענטשלאכן דראנג נים דערפילן. דאס קינד אונזערס געהט טאקע אין א ריינער ליכטיקער סקול, אבער זיין נשמה איז אין גלות. ער קען נים דערפילן אז ער איז אויך א מענטש. ער זעט אז ארום און ארום קאכט עס מיט ארבעט און באשאפונג און ער, דאס קינד איז דאס וואס מען רופט אן א "דעפענדענט" און לעבט מיטן גנאד פון זיינע עלטערן ביז ער איז פארטיק מיט זיין פאכט־גראדואירונג קורס. ער פילט דאס און עס ערגערט אים. און כדי צו רעכט־פערטיגן זיך זעלבסט אין דעם אייגענעם געוויסן האלט ער זיך קינדיש. אבער דאס איז בלויז אן אנשטעל אזא.

איר ווייסט, זעצט ער פאר ווייטער, אז עס איז גרינגער פאר א ניגערס קינד אין אפריקאנער דזשאנגלס אויסוואקסן, ווי א קינד אין אונזערע גרויסע שטעדט, ווייל דער ערשטער—אזוי שנעל ווי ער ווערט אלט צעהן יאר און קען שוין טראגן זיין בויגן, געהט ער שוין מיט זיין שבט אויף יאגד, און פילט זיך גלייך מיט אלע דערוואקסענע. אבער אונזערס א קינד פילט דאס נים ביז נאך זיין חתונה ווען ער ווערט פאלקאם זעלבסטשטענדיק. דאס ערקלערט אונז אויך פאר וואס די היינטיגע דערציאונג איז אזא דורכפאל—דערפאר ווייל זי האט אפגעטיילט לערנען פון ארבעט.

אזוי רעדנדיק באמערק איך ווי א בחור'ל איז צוגעגאנגען צו אונז און שטעהט און הערט זיך צו צו אונזער געשפרעך. חבר פארמאן גיט א ווינק צו

מיר און זאגט:—דאס מיינט מען אייך—דער באס אייערער קומט באלד.
איך האב געדריקט די האנט פון חבר פארמאן און גשוואונשן אלס דאס גוטס. און אריינקוקענדיג טיף איינער אין דעם אנדערנס אויגן האבן מיר זיך פארשטאנען......
באגלייט פון חבר זיידן בין איך אוועק אין אפיס און אפגעצאלט פאר מיינע מאהלציייטן ציינענדיג אים דאס פאפירל קוק איך מיט פארוואונדערונג אויף אים און ער אויף מיר.
וואס איז? פרעגט ער.
פאר פיר מאהלצייטן און א נאכט איבערנעכטיקן רעכנט מען מער ניט ווי אכט און אכציג סענט?
יא, זאגט ער, אזוי איז די ראטע היינטיקע וואך פאר אייער ביידל.
אבער מיר פלעגן דאך אמאל צאהלן א דאלאר פאר א מאלצייט אין א קעמפ און דאך פלעגן זיי גיין באנקראט.
אמאליקע קעמפס, פארגעסט ניט, האבן געהאט גרויסע מארטגעדזשעס און נעדארפט קויפן אלע פראדוקטן, דערצו נעדארפט צאהלן אלערליי משרתים; בא אונז איז עס אנדערש—מיר האבן ניט זייערע הוצאות.
איך האב זיך ווארים צוזעגנט מיט חבר זיידנען און אפגעפארן מיט מיין ווארטענדיגן בחור'ל צום באס.
ציענדיק מיטן באס אויף די געשליינגטע וועגן פון מישיגאן און אינדי־אנא סטייטס ווארפן זיך אין די אויגן פון איין זייט דער בלויער לייק מישיגאן און פון דער צווייטער זייט וועלדער, לאנקעס און געלע בערג זאמד וואס דער אלטער לייק האט דארט אנגעקליבן. איך האב זיי שוין אפילו ניט איינמאל געזעהן, אבער יעצט עפעס ווירקן זיי אויף מיר גאנץ אנדערש—עפעס א נאענטקייט פיל אי ך צו זיי. זאל דאס זיין די פרייד מיט וועלכע די קינדער האבן געארבעט אין גארטן וואס האט מיך אזוי באווירקט און געשאפן א קרובה'שאפט צווישן מיר און דער ערד?
מאדנע ווי די פשוטע ערד באווירקט דאס געמיט. אך, וואס פאר א געמיש פון געדאנקען און געפילן! צו דיר, מוטער ערד קומען דיינע קינדער, דו זאלסט זיי היילן דעם קערפער און דעם גייסט. אט שטרעקן זיך העגט צו דיר פון א קינד וואס איז שוין לאנג געוועזן פארוואנלט פון דיר. ער דארף דיין היילונג. ער, דיין קינד, האט אומגעוואנדערט איבער דער גאנצער וועלט, אין פילע פעלקער געלערנט ווי אזוי צו לעבן בהסכם מיט דער אייגענער נשמה, און יעצט אין א צייט פון הויבן וויסן וואס די וועלט האט דערגרייכט, איז ער אפהענגדיק געווארן. דאס ערשטע מאל אין זיין געשיכטע וואס ער ווייס ניט ווי זיינע קינדער צו דערציען. ער פארשטייט זיי ניט, זיי אים אויך ניט און זיך אליין, אודאי ניט.
געדעכט ביסטו, חבר זיידן, דאס לאנד קען אונזערע קינדער לערנען נאר ווי צו מאכן א לעבן—אבער ניט ווי צו לעבן.—אפשר וועט זיך טאקע די יוגנט אליין א וועג געפונען, דורך דיר, חבר זיידן, און דיין גלייכן.....

געדרוקט אין אפיס פון
מילוואקער וואכענבלאט
הערולד פרינטינג קא.
1721 נ. 12טע סטריט
מילוואקי, וויס.

Cov[illegible]

די בראשורע קען [illegible] קריגן ביים מרכז ה. געווערקשאפטן [illegible] פארזוער [illegible].